STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04603

IDEYISH-MORALISHE PROBLEMEN FUNEM SOTSYALISTISHN LEBNS-OYFN

N. B. Bikkenin

Permanent preservation of this book was made possible by Calvin & Sue Siegal

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק פון „סאָוועטיש היימלאנד״ № 2

ביילאגע צום זשורנאל נומ. 2, 1981

נאיל ביקענין

אידייִש-מאָראלישע פּראָבלעמען פונעם סאָציאליסטישן לעבנס-אופן

פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל״ • מאָסקווע • 1981

אונטער דער אלגעמיינער רעדאקציע

פון אַ ר ן ו ע ר ג ע ל י ס

דער באקאנטער סאָוועטישער פובליציסט, דאָקטאָר פון פילאָסאָפישע וויסנשאפטן נאַיל ביקענין (געב. 1931) איז נאָכן פארענדיקן דעם פילאָסאָפישן פאקולטעט באם מאָסקעווער מעלוכע־אוניווערסיטעט ארויסגעטראָטן מיט א ריי וויסנשאפטלעך־טעאָרעטישע ארבעטן וועגן אידייִש־מאָראלישע פּראָבלעמען פונעם סאָציאַליסטישן לעבנס־אויפן. אין 1978 האָט דער מאָסקווער פארלאג פון פּאָליטישער ליטעראַטור ארויסגעלאָזט זײַן בוך „סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע". אין אונדזער זשורנאל האָט נאַיל ביקענין פארעפנטלעכט א ריי זײַנע ארבעטן אונטער דער רובריק „טעאָרעטישע קאָנפערענץ אין „סאָוועטיש היימלאנד".

אַרײַנפיר

די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט געמאַכט דעם אָנהייב פון אַ נײַער עפּאָכע אינעם לעבן פון דער מענטשהײַט. שוין העכער זעקס צענדליק יאָר, ווי די מענטשהײַט אַנטוויקלט זיך אונטער דער אַנטשיידנדיקער ווירקונג פון די אידייען פון דער דאָזיקער רעוואָליוציע, פון איר דערפאַרונג און פּראַקטיק.

די וועלט פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז אַ וועלט פון רעוואָליוציאָנערער סאָציאַלער באַנײַונג, אַ וועלט פון קאָלאָסאַלע היסטאָרישע ענדערונגען, אַ וועלט ווו עס האַלט אָפּ גלענצנדיקע ניצחונעס דער פּאַרנונפט, די וויסנשאַפט און טעכניק.

די וועלט פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז אַ וועלט פון טיפע קלאַסן־ווידערשפּרוכן און שאַרפסטע אַלטערנאַטיוון, אַ וועלט פון גרויסע דערוואַרטונגען, אומרוען און האָפענונגען פון דער מענטשהײַט, האָפענונגען, אַז קיין נײַע וועלט־מילכאָמע וועט ניט דערלאָזט ווערן, אַז די צוקונפט וועט זײַן אַ בעסערע.

די טיפקײַט און ברייטקײַט פון די סאָציאַלע ענדערונגען, וועלכע קומען פאָר, דער קאַמף צווישן די צוויי געזעלשאַפטלעכע סיסטעמען — סאָציאַליזם און קאַפּיטאַליזם — אויף דער צווישנפעלקערלעכער אַרענע, די פּאַנאַנדערוויקלונג פון דער וויסנשאַפטלעך־טעכנישער רעוואָליוציע, דאָס אַרײַנציִען גיגאַנטישע מאַסן אינעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף, דאָס באַהעפטן זיי צו דער באַוווּסטזיניקער היסטאָרישער שאַפונג, די מאַסשטאַבן פון די פּראָבלעמען, וועלכע קומען אויף אין גאַנג פון דער סאָציאַליסטישער און קאָמוניסטישער בויונג — אָט דאָס זײַנען די גרונט־פאַקטאָרן, וועלכע באַשטימען די ראָליע און דאָס אָרט, וואָס די אידעאָלאָגיע פאַרנעמט אין דער הײַנטיקער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, די קוואַליטאַטיווע ענדערונגען

אין דער פונקציע פון די אידעאָלאָגישע סטרוקטורן אין דער געזעלשאַפט, די פאָדערונגען, וועלכע ווערן צו זיי אָביעקטיוו ארויסגעשטעלט.

די באַסטיאַנען פון דער געשיכטע זײַנען שטענדיק געשטורעמט געוואָרן מיט דער הילף פון פּאָרגעשריטענע אידייען. די נײַע און די נײַסטע געשיכטע האָבן געגעבן איבערצײַגנדיק דערוויזן, אַז די אידעאָלאָגיע איז ניט סטאַטיש. די אידעאָלאָגיע איז דינאַמיש, ווי דינאַמיש עס איז דער גאַנצער גאַנג פונעם היסטאָרישן פּראָצעס, און זי שטעלט מיט זיך פאָר דעם רע־זולטאַט פון א סאַך ווירקנדיקע פאַקטאָרן — סאָציאַלע, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און פון דער קולטור.

די דערשײַנונגען, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיט דער וואַקסנדיקער ראָליע פון דער אידעאָלאָגיע, באַקומען אַן אייגנאַרטיקע אָפּשפּיגלונג אינעם געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזײַן און אין דער פּראַקטיק פון פאַרשיידענע קלאַסן; זיי ציִען צו אַלץ מער די אויפמערקזאַמקײַט פון די פילאָסאָפן, סאָציאָלאָגן, היסטאָריקער, יוריסטן. עס איז אויסגעוואַקסן דער אינטערעס סײַ צו דער עצעם טעאָריע פון דער אידעאָלאָגיע, צו אירע פונדאַמענטאַלע יעסוידעס, סײַ צום כאַראַקטער פון דער אידעאָלאָגישער טעטיקײַט, צום שטודירן אירע אינערלעכע מעכאַניזמען און די סאַכאַקל־רעזולטאַטן פון דער אויפווירקונג אויפן געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזײַן. אַלץ א גרעסערע באַדײַטונג באַקומען די אידעאָלאָגישע קאָנצעפּציעס און אײַנשטעלונגען אין דער אינטערפּרעטאַציע פון די וויסנשאַפטלעך־טעכנישע דערגרייכונגען, פון די ווערטן פון דער מאָראַל און קולטור, אינעם בויען די אַלגעמיינע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע טעאָריעס.

הײַנט צו טאָג זײַנען די אידעאָלאָגיע און די פּראָפּאַגאַנדע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינעם פון די אַקטועלסטע אָביעקטן פונעם סאָציאַל־פילאָסאָפישן אַנאַליז. זיי זײַנען געוואָרן אַן אָביעקט פון שאַרפן אידעאָלאָגישן קאַמף. דאָס איז געזעצמעסיק: די הײַנטיקע וועלט איז א וועלט פון קעמפנדיקע אידייען. אָף אירע גײַסטיקע פּאָליוסן געפינען זיך די בורזשואַזע און די סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיעס. דער אַקטיווער פראָנט פונעם אידעאָלאָגישן קאַמף גייט דורך אַלע ראַדיקאַלע פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטי־קײַט. אין אָט דעם קאַמף געפינען, ווי אין א פאָקוס, א קאָנצענטרירטן אויסדרוק די גרונט־ווידערשפּרוכן פון דער עפּאָכע: די ווידערשפּרוכן צווישן דער אַרבעט און דעם קאַפּיטאַל, צווישן דעם סאָציאַליזם און דעם קאַפּיטאַליזם, צווישן די פעלקער, וועלכע קעמפן פאַר נאַציאָנאַלער באַ־

פרײַונג, און דעם אימפּעריאַליזם, צווישן די קויכעס פון שאָלעם, דעמאָקראַטיע, פּראָגרעס און די קויכעס פון מילכאָמע און רעאַקציע.

אין דער איצטיקער אידעאָלאָגישער קעגנגעשטעלטקייט צווישן סאָציאַליזם און קאַפּיטאַליזם טראָגט אַרײַן נײַע מאָמענטן דער קאַמף פאַר דער אַנטשפּאַנונג פון דער צווישנפעלקערלעכער אָנגעשטרענגטקייט. די אידעאָלאָגישע סיטואַציע, וועלכע שאַפט זיך אונטער דער ווירקונג פון די הײַנטיקע צווישנפעלקערלעכע פאַקטאָרן, קאָן מען כאַראַקטעריזירן מיט ספּעציפישע אומשטענדן. דער אידייען־קאַמף ווערט קאָמפּליצירטער, ער באַקומט נײַע אַספּעקטן, וועלכע פאָדערן אַ טיפע טעאָרעטישע באַטראַכטונג.

די אידעאָלאָגיע דריקט אויס אַלע גרונט־שטריכן פונעם קלאַס און פון דער געזעלשאַפט, פון וועלכער דער קלאַס טרעט אַרויס אַלס דער גײַסטיקער פאָרשטייער. די צוויי גרונט־ליניעס פון דער אידעאָלאָגישער אַנטוויקלונג אין דער הײַנטיקער וועלט — די ליניע, וואָס פירט אַראָפּ, און די ליניע, וועלכע פירט אַרויף, — שטעלן מיט זיך פאָר די צוויי קעגנזעצלעכע אידעאָלאָגיעס — די בורזשואַזע און די סאָציאַליסטישע.

די הײַנטיקע בורזשואַזע אידעאָלאָגיע לעבט איבער זייער אַ טיפן קריזיס; אין איר איז אָפּגעשפּיגלט די פאַרפאַלענע קרענק פונעם סאָציאַלן אָרגאַניזם פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. דאָס איז די אידעאָלאָגיע פונעם קריזיס, די אידעאָלאָגיע, וועלכע האָט פאַרלאָרן דאָס געפיל פון צײַט און געשיכטע, די אידעאָלאָגיע פון דער פאַרגאַנגענער עפּאָכע. דער דאָזיקער אידעאָלאָגיע שטעלט זיך אַקטיוו קעגן די סאָציאַליסטישע, די רעוואָליוציאָנערע אידעאָלאָגיע, די אידעאָלאָגיע פון פּאָליטישן רעאַליזם, פון שטרענגער וויסנשאַפטלעכקייט און סאָציאַלן אָפּטימיזם.

די סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע גיט די מעגלעכקייט ריכטיק צו פאַרשטיין די פאַרגאַנגענהייט, וויסן די קעגנוואַרט, זען די צוקונפט. די סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע אַנטפּלעקט די פירנדיקע טענדענצן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, באַווײַזט די אָרגאַנישע פאַרבינדונג פון די צײַטן, באַשטעטיקט די אייניקייט פון געדאַנק און טאַט, זי גיט צו צילבאַשטימטקייט די עמעסן, וועלכע די מענטשהייט זוכט. „די מאַרקסיסטיש־לענינישע אידעאָלאָגיע, — איז באַטאָנט געוואָרן אין די טעזיסן פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד צום 100־טן געבורטסטאָג פון וולאַדימיר איליטש לענינען, — איז דער קאָנסעקווענטער אויסדרוק פון די קאַרדינאַלע אינטערעסן פונעם אַרבעטער־

קלאַס, פון אַלע אַרבעטנדיקע און צוזאַמען דערמיט די וויסנשאַפטלעכע טעאָריע, וואָס איז דורכגעקאָנטראָלירט אויף דער דערפאַרונג פונעם סאָציִאַליזם און גיט אַן אָביעקטיוו ריכטיק בילד פון דער וועלט, אַ זיכערן אָריִענטיר אין דער פראַקטישער טעטיקייט"[1].

די סאָציִאַליסטישע אידעאָלאָגיע איז דער אינסטרומענט, וואָס העלפט צו פאַרשטיין דאָס ווירקלעכע לעבן אין זײַן גאַנצער ברייט, קאָמפּליצירטקייט און ווידערשפּרעכלעכקייט. די סאָציִאַליסטישע אידעאָלאָגיע פאַרפירט ניט דעם מענטשן אין אַן איליוזאָרישער וועלט פון סוביעקטיווע וויזיִעס, סאָציִאַלע אוטאָפּיעס און מיראַזשן. איר פּראָיעקט פון דער צוקונפט וואַקסט אויס פון דער קעגנוואַרט, ער איז וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט.

די ראָליע און דאָס אָרט, וואָס די אידעאָלאָגיע פאַרנעמט אין דער סאָציִאַליסטישער געזעלשאַפט, ווערן באַשטימט דורך די פונדאַמענטאַלע יעסוידעס פון דער געזעלשאַפט, דורך די אייגנשאַפטן פון דער לעבנסטעטיקייט, דורך די היסטאָרישע פּערספּעקטיוון פון דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג. דער סאָציִאַליזם אַלס אַ געזעלשאַפטלעכע סיסטעם קאָן פונקציִאָנירן עפעקטיוו בלויז אויפן סמאַך פון קענען די סאָציִאַלע און עקאָנאָמישע פּראָצעסן, אויפן סמאַך פון דער וויסנשאַפטלעכער אידעאָלאָגיע, אין רעזולטאַט פון דער באַוווּסטזיניקער שאַפונג פון מיליאָנען. די סאָציִאַליסטישע געזעלשאַפט נייטיקט זיך דעריבער ניט אין מיסטיפיצירן אירע פּרינציפּן, איר אידעאָלאָגיע — אין שאַפן מיטאָסן און איליוזיעס. „מע טאָר ניט מאַכן קיין איליוזיעס, שאַפן זיך מיטאָסן, — האָט אונטערגעשטראָכן לענין, — דאָס מאַטעריאַליסטישע פאַרשטיין די געשיכטע און דער קלאַסן־שטאַנדפּונקט זײַנען בעפיירעש פײַנטלעך דערצו"[2].

די שטענדיקע אויפמערקזאַמקייט צו די פּראָבלעמען פון דער אידעאָלאָגיע — דאָס איז איינע פון די מאַרקסיסטיש־לענינישע טראַדיציִעס באַם וויסנשאַפטלעכן אַנאַליזירן די ווירקלעכקייט. דעם אינהאַלט פון דער ווירקלעכקייט האָט מיט גרענעצלאָזער קלאָרקייט אויסגעדריקט לענין: „...דער סאָציִאַליזם אַלס אַן אידעאָלאָגיע פונעם קלאַסנקאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט, איז אונטערגעאָרדנט די אַלגעמיינע באַדינגונגען, אין וועלכע עס קומט אויף, אַנטוויקלט און פאַרשטאַרקט זיך די אידעאָלאָגיע, ד. ה. ער

[1] «Вопросы идеологической работы КПСС». Сборник важнейших решений КПСС (1965—1972). М., 1972, стр. 263.

[2] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 10, стр. 220.

באזירט זיך אפן גאנצן מאטעריאל פון די מענטשלעכע קענטענישן, ער זעט פאָרויס א הויכע אנטוויקלונג פון דער וויסנשאפט, פאָדערט א וויסנשאפט־לעכע ארבעט אאוו.[1] די דאָזיקע פּילארטיקע וויסנשאפטלעכע ארבעט, וואָס איר נייטיקײַט האָט לענין אָפּגעמערקט, פירן אקטיוו די קאָמוניסטישע פּארטיי פונעם סאָוועטנפארבאנד און די ברידערלעכע פּארטייען. „אפן איצ־טיקן עטאפּ פון דער אנטוויקלונג פונעם לאנד, — האָט באטאָנט דער כא־ווער ל. אי. ברעזשנעוו אפן XXV צוזאמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון סאָוועטנפארבאנד, — ווערט די באדערפעניש אין דער ווײַטער־דיקער פאנאנדערארבעטונג פון דער טעאָריע ניט קלענער, נאָר, פארקערט, זי ווערט נאָך גרעסער”[2].

די אינטענסיווע פאנאנדערארבעטונג פון די אידעאָלאָגיע־פּראָבלעמען איז ארויסגערופן געוואָרן קוידעמקאָל דורך דעם גרויסן פארנעם פון די שעפערישע בוי־אויפגאבן, וועלכע עס לייזן די סאָציאליסטישע לענדער, דורך דער נייטיקײַט צו באזיניקן מארקסיסטיש־לענינישע דעם הײַנטצײַטיקן עטאפּ אין דער אנטוויקלונג פונעם וועלט־סאָציאליזם, אין דער אינטערנא־ציאָנאלער ארבעטער־באוועגונג און נאציאָנאלער באפרײַונגס־באוועגונג, דעם וועלט־פּראָצעס אינגאנצן גענומען, פארסאכאקלען די נײַסטע דערגריי־כונגען פון דער וויסנשאפטלעכער דערקענטעניש און די ריזיקע דערפאָלגן פון דער טעכניק, דעם עצעם טאָך און די סאָציאלע פאָלגן פון דער הײַנט־צײַטיקער וויסנשאפטלעך־טעכנישער רעוואָליוציע אין די באדינגונגען פון די ווידערשפּרעכלעכע געזעלשאפטלעכע סיסטעמען, האָבנדיק אין זינען די אויפגאבן צו פארשטארקן דעם ארגומענטירטן קאמף קעגן דער בורזשואזער, רעפאָרמיסטישער און רעוויזיאָניסטישער אידעאָלאָגיע.

דעם מארקסיסטיש־לענינישן געדאנק געהערט די אידעאָלאָגישע איני־ציאטיוו אינעם שטעלן און לייזן די קארדינאלע פּראָבלעמען פון דעם XX יאָרהונדערט. א וויכטיקער טעאָרעטישער בײַטראָג אינעם אנטוויקלען דעם וויסנשאפטלעכן אינהאלט פון דער סאָציאליסטישער אידעאָלאָגיע זײַנען די מאטעריאלן פון די פּארטיי־צוזאמענפאָרן, די פאָרטראָגן, ארטיקלען און ארויסטרעטונגען פונעם גענעראל־סעקרעטאר פון צענטראל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון סאָוועטנפארבאנד, פאָרזיצער פון פּרעזי־

[1] В. И. Ленин. ПСС, т. 6, стр. 362—363.
[2] «Материалы XXV съезда КПСС», М., 1976, стр. 72.

דיזום פונעם איבער־סאָוועט פון פסםר כאָוועך ל. אי. ברעזשנעוו און פון די אנדערע אָנפירער פון דער פארטיי, די באשלוסן פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון סאָוועטנפארבאנד וועגן די אידעאָלאָגישע פראגן. אן אויסערסט וויכטיקער טעאָרעטישער און פּאָליטישער דאָקומענט פונעם וויסנשאפטלעכן קאָמוניזם איז די נײַע קאָנסטיטוציע פון פסםר, די קאָנסטיטוציע פון דער געזעלשאפט פונעם אנטוויקלטן סאָציאליזם.

אין די פארטיי־דאָקומענטן זײַנען אלזײַטיק באטראכט די קארדינאלסטע פּראָבלעמען פון דער אידעאָלאָגיע און פון דער אידעאָלאָגישער טעטיקײַט. עס איז טיף אנטפּלעקט די נייטיקײַט אָן אופהער צו בארײַכערן די סאָציאליסטישע אידעאָלאָגיע, סיסטעמאטיש צו שטודירן די פּאָרמען און מעטאָדן פון דער אידעאָלאָגישער ארבעט, פאנאנדערארבעטן אירע טעאָרעטישע יעסוידעס. עס האנדלט זיך, אזויארום, וועגן פאנאנדערוויקלען אקטיוו און צילבאשטימט די וויסנשאפטלעכע פאָרשונגען אין געביט פון דער אידעאָלאָגיע און פון דער אידעאָלאָגישער טעטיקײַט, העכערן זייער טעאָרעטישן ווערט און פּראקטישע עפעקטיווקײַט.

די הײַנטצײַטיקע וויסנשאפט איז דורכגעדרונגען מיט קאָמפּלעקס־פּרינציפּן. דער קאָמפּלעקס־צוגאנג איז אין דער פולער מאָס אקטועל אויך פאר דער אידעאָלאָגישער וויסנשאפט. די אידעאָלאָגישע וויסנשאפט באטראכט דער אווטאָר פון אָט דער ארבעט אלס א באזונדער ספער פון סאָציאלער דערקענטעניש, וועלכע שטודירט די אידעאָלאָגיע אלס א ספּעציפישן געזעלשאפטלעכן פענאָמען, מאכט קלאָר די מעכאניזמען פון איר אופקום, פונקציאָנירונג און פארשפּרייטונג, איר סאָציאלן מעהוס, סאָציאלע פונקציעס און די אופווירקונגס־מיטלען. ניט פּרעטענדירנדיק אף אן אומבאגרענעצטער פולקײַט פון דעם דאָזיקן טערמין, האלטן מיר אָבער, אז דאָס אײַנפירן דעם דאָזיקן טערמין וועט געבן די מעגלעכקײַט צו באצייכענען די קאָנטורן פון דער דאָזיקער ארבעט, איר פּראָבלעמאטיק, כאראקטער און די ריכט־ליניעס.

צום אונטערשייד פון די ווערק פון קאָנקרעט־סאָציאָלאָגישן פּלאן, איז אָט די ארבעט געווידמעט דער אויספאָרשונג פון די אלגעמיינע טעאָרעטישע און מעטאָדאָלאָגישע אספּעקטן פון דער אידעאָלאָגיע און אידעאָלאָגישער טעטיקײַט. דער אווטאָר איז דערבײַ ארויסגעגאַן פון דעם שטאנדפונקט, אז די אינהאלטסרײַכע קנופּ־פּראָבלעמען פון דער אידעאָלאָגיע און

פראָפאַגאַנדע קאָנען געלייזט ווערן נאָר אפן וועג פון אן אלגעמיין־טעאָרעטישן אנאליז, וואָס איז פעיִק צו געבן א „פאַרגאַנצט בילד פון אונדזער ווירקלעכקייט"[1], ברייט אויסנוצנדיק די דערקענטעניש־„קראַפט פון דער אבסטראַקציע"[2].

לעניִן, דער אומבעשאָלעמדיקער קעגנער פון סכעמאַטיזם און סכאָלאַסטישע אָפּהאַנדלונגען, פלעגט ארויסטרעטן קעגן יעטווידע פּרוּוון צו פאַרקלענערן, אונטערן טערעץ פון „געשעפטלעכקײַט" און „פּראַקטישקײַט", די באַדײַטונג פון די עכט טעאָרעטישע קענטעניש. אין גײַסט פון די דאָזיקע לעניניסטישע אָנווײַזונגען האָט דער XXV פאַרטיי־צוזאַמענפאָר באַטאָנט, אז „עס איז ניטאָ קיין מער פּראַקטישע זאַך, ווי א גוטע טעאָריע"[3]. מוסטערן פון אזא אלגעמיין פּרינציפּיעלן, אלגעמיין טעאָרעטישן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון אידעאָלאָגיע און אידעאָלאָגישער טעטיקייט זײַנען די ווערק פון ק. מאַרקס, פ. ענגעלס און וו. אי. לעניִן, די פאַרטיי־דאָקומענטן וועגן די אידייִש־טעאָרעטישע פראַגן.

די סאָציִאַליסטישע אידעאָלאָגיע איז אונטערגעוואָרפן די אלגעמיינע געזעצן פון דער אנטשטייונג און אנטוויקלונג פון די אידעאָלאָגישע פּראָצעסן. אין דער זעלבער צײַט האָט זי אירע אייגענע געזעצמעסיקייטן, אלס וויסנשאַפטלעכע אידעאָלאָגיע פונעם ארבעטער־קלאַס, וועלכע באַשטימען אירע נײַע היסטאָרישע אויפגאַבן. אויב ריידן וועגן דעם אלגעמיינעם פאַרטראַכט פון דער ארבעט, האָבן מיר געהאַט אין זין צו באַהאַנדלען די מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע טעאָריע וועגן אידעאָלאָגיע אלס א באַשטימטע אָרגאַנישע גאַנצקײַט, וואָס איז דורכגעדרונגען, ווי לעניִן פלעגט זאָגן, מיט אן „איינהײַטלעכן פּרינציפּ", די לעניניסטישע לערע וועגן דער וויסנשאַפטלעכער אידעאָלאָגיע אלס א דירעקטע פאָרזעצונג און שעפערישע אנטוויקלונג פון די אָנשויונגען פון ק. מאַרקס און פ. ענגעלס וועגן די אידעאָלאָגישע פּראָצעסן, וועגן די צוויי קעגנזעצלעכע קאָנצעפּציעס פון פּראָפּאַגאַנדע — דער בורזשואַזער און דער סאָציִאַליסטישער, וועגן די יעסוידעס פון די אינערלעכע און אינטערנאַציִאָנאַלע אידעאָלאָגישע אַספּעקטן פונעם לעבן פון דער געזעלשאַפט פונעם אנטוויקלטן סאָציִאַליזם.

---

[1] В. И. Ленин, ПСС, т. 1, стр. 307.
[2] К. Маркс и Ф. Энгельс. Соч., т. 23, стр. 6.
[3] «Материалы XXV съезда КПСС», стр. 48.

וועגן אייניקע אידעאָלאָגישע אספעקטן פונעם גײַסטיקן לעבן אין דער געזעלשאפט פון אנטוויקלטן סאָציאַליזם

די אנטוויקלטע סאָציאַליסטישע געזעלשאפט, ווערט געזאָגט אין דער קאָנסטיטוציע פון פססר, „איז א געזעלשאפט פון הויכער אָרגאניזירטקײַט, אידייִשקײַט און באוווסטזיניקײַט פון די ארבעטנדיקע — פאטריאָטן און אינטערנאציאָנאליסטן”. די דאָזיקע געזעלשאפט שאפט גינסטיקע באדינגונגען פארן אקטיוון גײַסטיקן לעבן פונעם פאָלק. צו די דאָזיקע באדינגונגען באלאנגען ניט בלויז דער הויכער אנטוויקלונגס־גראד פון דער מאטעריעל־טעכנישער באזע, די רײַפקײַט פון די סאָציאַליסטישע געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישן, די סאָציאַלע איינארטיקײַט פון דער געזעלשאפט, נאָר אויך די געזעלשאפטלעך־פאָליטישע דערפארונג פון די ארבעטנדיקע, וועלכע איז אין די לעצטע יאָרן היפש רײַכער געוואָרן אדאנק דער פאנאנדערוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראטיע, דעם אקטיוון און פארשיידנארטיקן אָנטייל פון די מאסן אינעם פארוואלטן מיט דער געזעלשאפט, מיט דער מעלוכע, מיט די ארבעטס־קאָלעקטיוון.

פאר דעם אנטוויקלטן סאָציאַליזם אינגאנצן גענומען איז כאראקטעריסטיש דער קאָמפלעקס־צוגאנג צום לייזן די רײַף געוואָרענע געזעלשאפטלעכע פראָבלעמען. דאָס האָט א שײַכעס אויך צו דער טעטיקײַט פון דער פארטיי אין דער אידעאָלאָגישער ספער. עס האנדלט זיך וועגן אָפטימאלן אײַנשליסן די אידעאָלאָגישע פאקטאָרן אינעם לייזן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע און דערציִערישע פראָבלעמען, וועגן העכערן די אָפעראטיווקײַט און פארבעסערן די אינפאָרמאציע־ארבעט, וועגן דעם, אז אלע פאָרמען פון דער אידעאָלאָגישער טעטיקײַט זאָלן געפירט ווערן קאָנקרעט, ארגומענטירט און זאכלעך, וועגן דיסקאָנטירן מאקסימאל דעם הײַנטיקן ניוואָ פון דער בילדונג און קולטור, פון די גײַסטיקע נאָכפראגן פון די מענטשן, וועגן

באהערשן די לענינישע קונסט פון פּאָליטישער אופקלערונג צווישן די מאסן.

די אידעאָלאָגישע טעטיקײַט איז אַן אקטיווער סאָציאַלער פאַקטאָר אין דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג און פארפולקומונג פונעם סאָציאַליסטישן לעבנס־אופן, אין פארפעסטיקן די מאָראַלישע יעסוידעס פון אונדזער געזעלשאַפט. אין די הײַנטיקע באדינגונגען באקומען א באזונדערע באדײַטונג די אופגאבן פון קאמף קעגן די סאָציאַל־זיטלעכע אַנאָמאַליעס, וועלכע פּאַרן זיך ניט מיט דער אידעאָלאָגיע און מיט דער מאָראַל פונעם אנטוויקלטן סאָציאַליזם. אפן פּאַן פון די דאָזיקע דערגרייכונגען אין דער סאָציאַל־פּאָליטישער און עקאָנאָמישער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט, אין דער אנטוויקלונג פון איר קולטור טרעטן ארײַן די נעגאטיווע דערשײַנונגען אין א באזונדערס שארפן ווידערשפרוך מיטן סאָציאַליסטישן לעבנס־אופן, מיטן אויסגעוואקסענעם ניוואָ פונעם מאָראַלישן און יורידישן באוווסטזײַן פון דער געזעלשאפט, מיט דער העכערונג פון די פאָדערונגען צו אלץ, וואָס באשטימט און פון וואָס עס ווערט געשאפן דאָס אידייִש־זיטלעכע פּאָנעם פונעם מענטשן. „...מע דאַרף זאָגן, — האָט באטאָנט ל. אי. ברעזשנעוו, — אז דאָס אײַנפירן די געהעריקע אָרדענונג דאָרט, ווו זי ווערט בא אונדז געבראָכן, — אין דער פּראָדוקציע, אינעם מעלוכישן און געזעלשאפטלעכן לעבן, — דאָס איז א גרויסער רעזערוו אין דער אנטוויקלונג פון אונדזער געזעלשאפט. מאכנדיק א סאָך צו אזעלכע דערשײַנונגען, ווי נאכלעסיקײַט אין דער ארבעט, צעטרענצלונג פון סאָציאַליסטישן אייגנטום, פּאָרמעל־ביוראָקראטישע באציִונג צו דער ארבעט און צו מענטשן, וועלן מיר א סאך פארגיכערן די פּאָרויסבאוועגונג פונעם לאנד, די פארבעסערונג פונעם לעבן פון דעם גאנצן פּאָלק"[1].

אייניקע פילאָסאָפן און סאָציאָלאָגן, ווען זיי דערקלערן די סיבעס פון די נעגאטיווע דערשײַנונגען, באגרענעצן זיך צומאָל בלויז מיט קאָנסטאַ־טירן די אָדער אנדערע מאטעריעלע אומשטענדן. דער אלגעמיינער גערדאנ־קענגאנג אין אזעלכע פאלן איז אומגעפער אזא: באזײַטיקט די מאטעריעלע סיבעס, וועלן פארשווינדן די אנטיגעזעלשאפטלעכע אנטפּלעקונגען. אויב,

---

[1] Л. И. Брежнев. Вопросы развития политической системы советского общества. М., Политиздат, 1977, стр. 460.

לעמאָשל, עס וועט ניט זײַן קיין דעפיציט, וועט ניט זײַן אויך קיין ספּעקוליאַציע. עס איז, פאַרשטייט זיך, קיין סאָפעק ניט, אַז דער דעפיציט פון אייניע סכוירעס, די נידעריקע קוואַליטעט פון אַנדערע שאַפן אַ מאַטעריעלן באָדן פאַר ספּעקוליאַציע. אָבער דער באָדן איז נאָך ניט די עצם דערשײַנונג. אין געגעבענעם פאַל קאָן מען דעם באָדן, וואָס מיט אים איז פאַרבונדן די נעגאַטיווע דערשײַנונג, באַזײַטיקן. לאָמיר נעמען אַ צווייטן בײַשפּיל. עס איז באַוווּסט, אַז אין אַ ריי פאַלן זײַנען אויפגעדעקט געוואָרן ערנסטע מיסברויכן באַם אָנקומען אין די הויכשולן, פאַרבונדן דערמיט, וואָס פאַר די לעצטע יאָרצענדליקער האָט זיך היפּש פאַרגרעסערט די צאָל יוגנטלעכע, וועלכע קומען אָן אין די הויכשולן, און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז עס איז געוואָרן שטרענגער דער קאָנקורס־אָפּקלײַב פון אַביטוריענטן. די סיסטעם פון אַ קאָנקורס־אָפּקלײַב וועט וואַרשײַנלעך פאַרהיט ווערן אויך אַף ווײַטער אין די אָדער אַנדערע קאָנקרעטע פאָרמען, בעמיילע וועט אויך פאַרבלײַבן די מעגלעכקײַט פאַר מיסברויכן. אונדז דוכט, אַז בלויז מיט פאַרופן זיך אַף די אָביעקטיווע אומשטענדן (די אומשטענדן, ווי באַוווּסט, ווערן אויך געשאַפן דורך מענטשן, און דאָס איז איינער פון די גרונט־עמעסן פונעם מאַרקסיזם) קאָן מען ניט לייזן די פּראָבלעם פון די נעגאַטיווע דערשײַנונגען, יעדנפאַלס טאָר מען זי ניט „אָפּלייגן” ביז די „אומשטענדן” וועלן בײַגעקומען ווערן. עס איז גענוג אָנצווײַזן, אַז אין גרוזיע, לעמאָשל, ווערן די דאָזיקע נעגאַטיווע דערשײַנונגען אַלץ ווייניקער און ווייניקער אַדאַנק די ענערגישע מאָסמיטלען, וועלכע עס האָבן אָנגענומען די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס און וועלכע ווערן אונטערגעהאַלטן דורך אַלע באַוווּסטזיניקע קרעפטן פון דער געזעלשאַפט.

דאָס אַלץ באַווײַזט ווידעראַמאָל די רעאַלע עפעקטיווקײַט פונעם סובּיעקטיוון פאַקטאָר. אינעם קאָמפּלעקס פון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע, יורידישע און אַנדערע מאָסמיטלען שפּילן די אידעאָלאָגישע מיטלען אַן אַקטיווע סאָציאַלע ראָליע אינעם בײַקומען די אַנטיגעזעלשאַפטלעכע דערשײַנונגען. דאָ איז באַזונדערס וויכטיק גראָד די פאַרייניקונג פון אַלע באַמיִונגען, דאָס אויסנוצן איינצײַטיק אַף אַ קאָמפּלעקס־אויפן די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע מאָסמיטלען, די פּראָפּאַגאַנדיסטישע און אַדמיניסטראַטיווע, די מעטאָדן פון איבערצײַגונג און די קראַפט פונעם געזעץ.

די פּראָבלעם וועגן דער ראָליע און דעם אָרט פון די אידעאָלאָגישע מיטלען אין פּראָצעס פון בײַקומען נעגאַטיווע, אַנטיגעזעלשאַפטלעכע דער־

שײַנונגען, די פּראָבלעם וועגן די באַדינגונגען פון זייער ווירקעוודיקײַט און עפעקטיווקײַט צווינגט ווידעראַמאָל צו לייגן אכט אף דעם אנטשיידנדיקן אומשטאנד, אז די אידעאָלאָגישע ארבעט קאָן ניט באַטראַכט ווערן אנדערש, ווי א מיטל צו דערציִען דורך דער ארבעט און פאר דער ארבעט. אלס באַווײַז, אז די אידעאָלאָגישע מיטלען זײַנען עפעקטיוו, קאָן דינען דער פאַקט, וואָס די ווערטן, וועלכע אנטשפּרעכן די נאָרמעס, פּרינציפּן פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, זײַנען ארײַן ניט בלויז אין באַוווּסטזײַן פון די מענטשן, נאָר אויך אין זייער „אקטיווער זיטלעכקײַט". די אויפגאַבע פון זיטלעכער דערציִונג באַטײַט אויסאַרבעטן אן אקטיווע לעבנס־פּאָזיציע, א באַוווּסטזיניקע באַציִונג צום געזעלשאַפטלעכן כּיוון.

אלס צענטראַלע פּראָבלעמען פון זיטלעכער דערציִונג טרעטן הײַנט ארויס די פּראָבלעמען פון דער קעגנזײַטיקער פאַרהעלטעניש באַם סאָציאַליזם צווישן די מאַטעריעלע און גײַסטיקע ווערטן, די פּראָבלעמען פון אָרגאַנישער אײנהײַט צווישן די פּאָשעטע נאָרמעס פון זיטלעכקײַט און דער קאָמוניסטישער מאָראַל.

די אָריִענטאַציע פון דער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק צו באַפרידיקן אַלץ פולער די וואַקסנדיקע פילאַרטיקע מאַטעריעלע באַדערפענישן פון די ארבעטנדיקע מאַכט פאַר ביז גאָר אקטועל די פּראָבלעם פון די קעגנזײַטיקע פאַרהעלטענישן צווישן די מאַטעריעלע און גײַסטיקע ווערטן באַם סאָציאַליזם.

די לינקאַטשישע פּראָפּאַגאַנדע פּרוּווט אויסטײַטשן דעם וווּקס פונעם פאָלקס־וווילשטאַנד אלס א מיטל צו פאַרוואַנדלען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אין א וואַריִאַציע פון דער בורזשואַזער געברויכערישער געזעלשאַפט. עס איז אָבער א טיפער טאָעס צו קוקן אף דער נויט ווי אף א גאַראַנטיע פון רעוואָליוציאָנערישקײַט און אף דער פאַרבעסרונג פונעם לעבן פון די ארבעטנדיקע ווי אף א געפאַר פון בורזשואַזן איבערגעבורט פון דער געזעלשאַפט. אזעלכע אָנשויונגען זײַנען טיפּיש פאַר די פאַרשיידענע פאָרמען פונעם קליינבירגערלעכן סאָציאַליזם, וועלכער באַציט זיך ביכלאַל מיט ביטל צו די מאַטעריעלע לעבנס־באַדינגונגען פון די מענטשן אָדער ער באַגרענעצט דעם ציל און דעם זין פונעם סאָציאַליזם מיט דער פאָרמול: „לעבן, קעדיי צו לעבן".

פאַר דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע זײַנען אַל־

צײַנס פרעמד סײַ דער געברויכערישער קולט פון זאַכן, סײַ די ביטל־באַציִונג צו די מאַטעריעלע באַדערפענישן פונעם מענטשן. די אַלזײַטיקע אַנטוויקלונג פונעם מענטשן איז מעגלעך בלויז בא באַשטימטע מאַטעריעלע און גײַסטיקע פאָרהאַנאָכעס, וועלכע ווערן געשאַפן אין גאַנג פון דער סאָציאַליסטישער און קאָמוניסטישער בויונג. אַזאַ אַנטוויקלונג פונעם מענטשן איז טאַקע דער קריטעריִ פון דער סאָציאַליסטישער קעגנזײַטיקער פאַרהעלטעניש צווישן די מאַטעריעלע און גײַסטיקע ווערטן, זי באַשטימט די פאָזיציע פון דער געזעלשאַפט אין דער ספער פונעם מאַטעריעלן געברויך. ווען דער מענטש געפינט זיך אונטער דער מאַכט פון מאַטעריעלער נויט, איז ניט שײַעך צו ריידן וועגן זײַן אַלזײַטיקער אַנטוויקלונג. אין דער זעלבער צײַט זײַנען די מאַטעריעלע ווילטיקן ניט קיין זעלבסטציל, נאָר אַ נויטווענדיקער באַדינג, וואָס אָן אים איז ניט מעגלעך די פרײַע גײַסטיקע אַנטוויקלונג פונעם מענטשן.

עס האָט קיין זין ניט צו פאָרשטעלן זיך די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט אַלס אַ קיניגרײַך פון גלײַכער אָרעמקײַט, און אין אַזאַ גלײַכהײַט זען דעם אידעאַל פון דער צוקונפט. דאָס איז אַ טיפיש קליינבירגערלעכער שטאַנדפונקט, וואָס באַם פאַקטישן פאַרווירקלעכן אים באַקומט זיך די סאַמע בייזע קאַריקאַטור אַף דער נײַער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג: זי ווערט געשילדערט אַלס אַ „קאַזאַרמע־קאָמוניזם”. די עמעסע לייזונג פון דער גלײַכהײַט־פראָבלעם האָט קיין שום געמיינזאַמס נישט ניט מיטן פאַרייביקן די אַלגעמיינע אָרעמקײַט, ניט מיט אוניפיצירן די מענטשלעכע פערזענלעכקײַט דורך אײַנשטעלן אַ „מיטל־מאָס” פאַר מענטשלעכע פייִקײַטן, טאַלאַנטן אאַוו. „...ווען די סאָציאַליסטן ריידן וועגן גלײַכהײַט, — האָט געשריבן וו. אי. לענין, — פאַרשטייען זיי דערמיט שטענדיק די געזעלשאַפטלעכע גלײַכהײַט, די גלײַכהײַט פון דער געזעלשאַפטלעכער לאַגע, און אין קיין פאַל ניט קיין גלײַכהײַט פון פיזישע און גײַסטיקע פייִקײַטן פון באַזונדערע פערזענלעכקײַטן”[1].

ניט געקוקט דערויף, זײַנען צווישן די הײַנטצײַטיקע בורזשואַזע און רעוויזיאָניסטישע „קאָמענטאַטאָרן” פונעם מאַרקסיזם־לעניניזם פאַרשפרייט די פרוּוון צו טײַטשן די מאַרקסיסטישע קאָנצעפציע וועגן דער פערזענלעכקײַט אין גײַסט פון אויסגלײַכערישן קאָמוניזם, פון „קאַזאַרמע־קאָמו־

---

[1] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 24, стр. 364.

ניזם", אין פּלאַן פון די פּאַדערונגען צו אוניפיצירן די פּייזיקייטן, אינטער־רעסן, טאַלאַנטן פון רעאַלע אינדיווידן. „לויט אָט דער טעאָריע, — באַ־הויפּט, לעמאַשל, מ. טשוקאַס, — ווערט דער מענטש באַטראַכט אַלס אַ שטיק ערד, פון וואָס מע דאַרף אויסשמעלצן מעטאַל און מאַכן, לאָמיר זאָגן, אַ שרייַפל, אויב ניט קיין אידעאַלס, איז כאָטש אַ מיטלמעסיק צוגעפּאַסטס צום סאָציאַלן אָרגאַניזם פון דער געזעלשאַפט"[1]. אַזעלכע פאַרקריפּלטע פאָרשטעלונגען פאַרשפּרייט מען דורך אַלע קאַנאַלן פון דער בורזשואַזער פּראָפּאַגאַנדע, קעדיי ניט בלויז פאָרשטעלן אין אַ העסלעכן אויסזען די מאַרקסיסטיש־לענינישע טעאָריע, נאָר אויך וואַרפן אַ שאָטן אויף דער סאָציאַליסטישער לייזונג פון דער פּראָבלעם וועגן דער געזעלשאַפט און פּערזענלעכקייט אינעם פּראַקטישן לעבן פון עם רעאַלן סאָציאַליזם, מאַלן דעם ווירקלעכן פּראָצעס פון דער קאָמוניסטישער דערציִונג אין גייסט פון די מאַאָיסטישע מאַניפּוליאַציעס מיטן מענטשן, ווען מען זיי באַטראַכטן אַלס אַ ריינעם בויגן פּאַפּיר, אויף וועלכן די אידעאָלאָגיע מאָלט בלויז לויטן באַרע פאַר איר פאָרמולעס און פאַרשריפטן.

אָט די פּרוּוון צו מאָלן דאָס לעבן אין דער סאָציאַליסטישער געזעל־שאַפט אַלס אַזוינס, וואָס איז מעכאַניש אוניפיצירט און פאַרמאָגט ניט די פילאַרטיקייט פון די פאַרבן פון דער מענטשלעכער אינדיווידואַליטעט, באַלאַנגען צו די סאַמע פאַרביסענע בורזשואַזע אויסטראַכטענישן. דער מאַרקסיזם־לעניניזם לייקנט אָפּ ניט די אינדיווידואַליטעט פון דעם מענטשנס פּערזענלעכקייט און איר סוווערעניטעט, ער לייקנט אָפּ די אַבסטראַקטע כקירעס וועגן אַן אַבסטראַקטער פּערזענלעכקייט, וועלכע עס פּריידיקט אַזוי גערן די בורזשואַזע סאָציאָלאָגיע. קיין איין וויפל־ניט־איז ערנסטע סאָציאַלע פראַגע וועגן דער פּערזענלעכקייט טאָר מען ניט שטעלן אָן דעם דיסקאָנט פון איר רעאַלער לעבנס־אַטמאָספער, אָן דעם דיסקאָנט פון יענע פילאַרטיקע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, וועלכע באַשטימען דעם סאָציאַלן טאָך פונעם אינדיווידו, די צילבאַשטימטקייט פון זיין סאָציאַלער אַנטוויקלונג, און גראָד דאָס מיידן אויס אויף אַלערליי אופנים אונדזערע „קריטיקער".

אין העסקעם מיטן קאָמוניסטישן אידעאַל — „די פרייַע אַנטוויקלונג פון יעדן איינעם איז אַ באַדינג פאַר דער פרייַער אַנטוויקלונג פון אַלע־מען" — שטעלט זיך אונדזער מעלוכע אַלס ציל (ווי עס איז פאַרשריבן אין

[1] M. Choukas. Propaganda Comes of Age. Washington, 1965, p. 40

דער נײַער קאָנסטיטוציע פֿון פּסםר) צו פֿאַרברייטערן די רעאַלע מעגלעכקײַטן פֿאַר די בירגער אויסצונוצן זייערע שעפֿערישע קויכעס, פֿײיִקײַטן און טאַלאַנטן פֿאַר דער אַלזײַטיקער אַנטוויקלונג פֿון דער פּערזענלעכקײַט[1]. דערצו זײַנען נייטיק קוידעמקאָל ברייטע מאַטעריעלע פֿאָרהאַנאָכעס.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד, טרײַ דעם טאָך פֿונעם וויסנשאַפֿטלעכן סאָציִאַליזם, טוט אַלץ, וואָס עס איז נייטיק, אַז דאָס לעבן פֿון די סאָוועטישע מענטשן זאָל יאָר נאָך יאָר, פֿינפֿיאָר נאָך פֿינפֿיאָר ווערן אַלץ בעסער; עס זאָלן זיך בויען מער וויל־אײַנגעאָרדנטע הײַזער, ס׳זאָלן ארויסגעלאָזט ווערן מער סכוירעס פֿון הויכער קוואַליטעט, פֿולער זאָלן באַפֿרידיקט ווערן די נאָכפֿראַגן פֿון די אַרבעטנדיקע אויף די פֿאַרשיידנאַרטיקסטע שפּײַז־פּראָדוקטן, די באַדינונגס־ספֿער זאָל שטיין אויפֿן ניוואָ פֿון די וועלט־סטאַנדאַרטן. די ברייטע סאָציִאַל־עקאָנאָמישע פּראָגראַם פֿונעם צענטן פֿינפֿיאָר, וועלכע איז פֿאַנאַנדערגעאַרבעט געוואָרן אין העסקעם מיט די אײַנשטעלונגען פֿונעם XXV פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר, האָט טאַקע דעם ציל צו לייזן מיט דערפֿאָלג אָט די אויפֿגאַבן. צי באַטײַט דאָס, אַז די סאָציִאַליסטישע געזעלשאַפֿט גייט מיטן געברויכערישן וועג, ווי דאָס פּרוּוון שילדערן די בורזשואַזע און רעוויזיאָניסטישע קריטיקער פֿונעם רעאַלן סאָציִאַליזם?

דאָס געברויך אין און פֿאַר זיך מאַכט די געזעלשאַפֿט אין קיין פֿאַל ניט פֿאַר אַ געברויכערישער. בלויז אין די באַדינגונגען פֿונעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוציר־אויפֿן טרעטן אַרויס אויפֿן ערשטן אָרט און הערשן סטיכייִש איבערן מענטשן די אייגנשאַפֿטן פֿון דער „אומפֿאַרענדערלעכער מענטשלעכער נאַטור״, וואָס פֿון איר שטאַמען שוין אַלע אַנדערע געזעלשאַפֿטלעכע פֿונקציעס און אינטערעסן פֿון דער פּערזענלעכקײַט. סאָציִאַליזם באַטײַט אַ העכערונג פֿון די מענטשלעכע באַדערפֿענישן. די דאָזיקע העכערונג זעט פֿאָרויס, אַז צוזאַמען מיטן וווּקס פֿונעם מאַטעריעלן וווילשטאַנד זאָל סיסטעמאַטיש באַרײַכערט ווערן און זיך אַנטוויקלען דער אידייִש־זיטלעכער פּאָטענציִאַל פֿון דער געזעלשאַפֿט, און דאָס גײַסטיקע לעבן פֿונעם פֿאָלק זאָל ווערן אַלץ אינהאַלטסרײַכער, פֿילזײַטיקער און אינטערעסאַנטער.

---

[1] זע אַרטיקל 20 פֿון דער קאָנסטיטוציע (גרונט־געזעץ) פֿונעם פֿאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציִאַליסטישע רעפּובליקן.

גראַד אַזאַ שטעלונג פון דער פראגע וועגן די סאָציאַליסטישע פאַר־העלטענישן צווישן די מאַטעריעלע און גייַסטיקע ווערטן דערלויבט צו דערקלערן טיפער די צוויי פּרינציפּיעלע פּראָבלעמען, וואָס זייער ריכטיקע לייזונג האָט אַ דירעקטע שייַכעס צו דער עפעקטיווקייַט פון דער זיטלעכער דערציִונג, — די פּראָבלעם פון „זיטלעכער רעפלעקסיע" און די פּראָבלעם וועגן דעם, וואָס פאַר אַ ראָליע די פאַשעטע נאָרמעס פון זיטלעכקייַט שפּילן אינעם פאָרמירן די קאָמוניסטישע שטריכן פון דער מאָראַל בײַ דער פּערזענלעכקייַט.

מיר האַלטן, אַז מע קאָן ניט מאַסקים זייַן מיט יענער נעגאַטיווער טראַקטירונג פון דער „זיטלעכער רעפלעקסיע", וועלכע ווערט דורכגעפירט אין אייניקע ליטעראַטור־קריטישע און פילאָסאָפישע ווערק און ווערט מאָטיווירט מיט דער נייטיקייַט צו לויבן דעם „אַקטיוו־טעטיקן מענטשן" לעהייפּעך צו דעם „רעפלעקסירנדיקן". אונדז דוכט זיך, אַז עס וואָלט געווען ניט באַגרינדעט צו מאַכן אַן אַבסטראַקטע קעגנשטעלונג צווישן דער טעטיקייַט און דער רעפלעקסיע, אײַנזעענדיק אין דער טעטיקייַט דאָס „אַבסאָליוטע גליק" און אין דער רעפלעקסיע „דעם אַבסאָליוטן אומגליק". אַ טעטיקייַט אָן אַ זיטלעכער רעפלעקסיע, אָן אינערלעכע מאָראַל־אָריִענ־טירן אין אַ געזעלשאַפטלעכן פּלאַן, קאָן אין באַשטימטע סיטואַציעס זייַן אַפילו געפערלעכער, איידער אַ ריינע „רעפלעקסיע" אָן טעטיקייַט.

די רעפלעקסיע, וועלכע ווערט פאַרשטאַנען ניט אינעם זין פון אַבסט־ראַקטן מאָראַליזירן, נאָר אינעם זין פון זיטלעכער זעלבסטאָפּשאַצונג, פון מאָראַלישן באַזיניקן די לעבנס־דערפאַרונג, און מאָראַלישע זוכונגען, פון אינערלעכן באַהערשן די געזעלשאַפטלעכע מאָראַל־נאָרמעס, איז אַ נייטיקע פאַרהאַנאַכע פאַר דער סאָציאַליסטישער (אינעם ברייטסטן זין) אויפירונג, פאַר אַ פעסטן יעסאָד פון דער מאָראַלישער זיכערקייַט פון דער פּערזענ־לעכקייַט. אין דער זעלבער צייַט אָבער, ווען עס פעלט די באַדערפעניש אין אַ זיטלעכער רעפלעקסיע, ווען זי ווערט ניהיליסטיש נעגירט, באַקומט עס אָפּט דעם כאַראַקטער פון אַ באַרעכטיקונג פאַרן שטייגעריש און מאָ־ראַליש אַראָפּלאָזן זיך אין קאָמפּליצירטע לעבנס־אומשטענדן. אויב רעפ־לעקסיע אָן טעטיקייַט פירט צו אַבסטראַקטער מאָראַליזירונג, צום אוועקגיין פון די רעאַלע לעבנס־פּראָבלעמען, באַקומט די טעטיקייַט אָן זיטלעכער רעפלעקסיע דעם אויסזען פון אַן אומבאַטראַכטן אַקטיוויזם, וואָס שטעלט

מיט זיך פאָר א „טעטיקע אמעראצעס“, וועלכע פארמאָגט ניט קיינע מאָראַלישע אָריִענטירן.

דעם מענטשנס פערזענלעכקײַט איז אן איינהײַט פון אינטעלעקט, כאראקטער און וועלט־אָנשויונג. אינטעלעקט ווערט פארשטאנען אלס אזוינס, וואָס איז פול מיט גרינטלעכע וויסנשאפטן, מיט אינערלעכער קולטור, מיט זעלבשטענדיקײַט און אָריגינעלקײַט פונעם געדאנקענגאנג, וועלכער דריקט זיך אויס אין טיפן פארשטיין די לעבנס־ווערטן, די אָריִענטאציע אף ארבעט, שעפערישער טעטיקײַט, — אזא אינטעלעקט איז ניט אָפּצוטיילן פונעם כאראקטער, פון דער מאָראַלישער זיכערקײַט פונעם מענטשן און פון דער פעסטקײַט פון די פרינציפּן פון דער וועלט־אָנשויונג.

די וועלט־אָנשויונג באשטימט געוויינלעך דעם עצעם סטיל פונעם געדאנקענגאנג, און דער באוווסטזיניקער אָפּקלײַב אין דער קאָמפּליצירטער סיסטעם פון די טאָגטעגלעכע „שטייגערישע אלטערנאטיוון“ דינט אלס גאראנטיע, אז די לעבנס־פּאָזיציע איז באזיניקט און דורכגעטראכט. רעאל באשטימען די באזיניקטקײַט און דורכגעטראכטקײַט קאָן נאָר דער טאט, די אקטיווקײַט פון דער לעבנס־פּאָזיציע. דער יונגער מארקס האָט געשריבן: „דער, וועמען עס פארשאפט מער פארגעניגן צו גריבלען זיך אייביק אין זיך גופע, איידער מיט די אייגענע קויכעס בויען א גאנצע וועלט, זײַן דער שעפער פון א וועלט — טראָגט אף זיך די טויכעכע פורנעם גײַסט, אף אים איז ארופגעלייגט א כיירעם אָבער אין א פארקערטן זין — ער איז פארטריבן פונעם טעמפּל און איז געבליבן אָן דעם אייביקן גײַסטיקן פארגעניגן, אים קומט אויס צו אײַנשלעפערן זיך מיט ראַיוינעס וועגן זײַן פערזענלעך גליק און כאָלעמען אין די נעכט וועגן זיך זעלבסט“[1].

די קאָמוניסטישע מאָראַל בילדעט זיך אויס פון דער רעוואָלוציאָנערער מאָראַל פונעם ארבעטער־קלאס, וועלכע האָט א באזונדערס וויכטיקע באדײַטונג אין דער זיטלעכער אנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאפט, און פון די פּאָשעטע געזעצן וועגן זיטלעכקײַט און יוישער, וועלכע זײַנען פארפיקסירט דורך דער דוירעסדיקער זיטלעכער דערפארונג פון די ארבעטנדיקע מאסן אין זייער קאמף קעגן עקספּלואטאציע און אונטערדריקונג, קעגן דער אָפיציעלער מאָראַל פון די הערשנדיקע קלאסן.

---

[1] К. Маркс и Ф. Энгельс. Из ранних произведений. М., 1956, стр. 169.

מאַרקס האָט אַרויסגעשטעלט די אויפגאַבע: „דערשלאָגן זיך דערצו, אַז די פּאָשעטע געזעצן פון זיטלעכקייט און יושער, בײַ וועלכע עס דאַרפן זיך האַלטן אין זייערע קעגנזײַטיקע פאַרהעלטענישן פּריוואַטע מענטשן, זאָלן ווערן די העכסטע געזעצן אויך אין די באַציִונגען צווישן פעלקער”[1].

מיר זעען, אַזוי אַרום, אַז די מאַרקסיסטן — ניט בלויז זיי וואַרפן ניט אָפּ די זיטלעכע דערפאַרונג, וואָס איז אָנגעזאַמלט געוואָרן אין די עלעמענטאַרע מאָראַל־נאָרמעס, נאָר פאַרקערט, זיי גיבן איר צו אַ סאָציִאַלע באַדײַטונג, דערונטער אויך אינעם פּראָצעס פון בויען די נײַע, די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט. אין 1918 האָט וו. אי. לענין אינעם ווערק „די אָרדנטלעכע אויפגאַבן פון דער סאָוועטנמאַכט” באַזונדערס באַטאָנט די פּרינציפּיעלע אַלגעמיין־פּאָליטישע באַדײַטונג פון די אַזויגערופענע „אויסגעדראָשענע”, „טריוויִאַלע” אַנערקענטע עמעסן — די עלעמענטאַרע קלאָלים פון צוזאַמענלעבן. ווען זיי זײַנען אײַנגעשלאָסן אין די מאָראַלע נאָרמעס פון נעם סאָציִאַליסטישן לעבנס־סיידער, באַקומען אַזעלכע געבאָטן, ווי „היט אָפּ די דיסציפּלין אין דער אַרבעט”, „פיר אַקוראַט דעם געלט־כעזשבן”, „זײַ אַ שפּאָרזאַמער באַלעבאָס”, „גאַנווע ניט”, „זײַ ניט קיין ליידיקגייער”, אַ נײַעם זין. לענין האָט געהאַלטן, אַז די אויפגאַבע צו אײַנפּלאַנצן זיי אינעם טאָגטעגלעכן לעבן איז ענג פאַרבונדן מיטן פאַרווירקלעכן דעם קאָמוניסטישן אידעאַל.

די פּאָשעטע נאָרמעס פון זיטלעכקייט — ערלעכקייט, כאַווערישקייט, זעלבסטווירדע, אָרנטלעכקייט, אומפּייִקייט צו נידעריקע האַנדלונגען — זײַנען דירעקט פאַרבונדן מיט דער פאָרמירונג פון קאָמפּליצירטערע סאָציִאַלע נאָרמעס פון זיטלעכקייט, בילדלעך, קאָן מען זאָגן, זייער זיטלעכן פונדאַמענט. אָן פעסטע זיטלעכע יעסוידעס קאָן ניט זײַן קיין רייד אויך וועגן דער אידייִשער קוואַליטעט פונעם מענטשן. אַ מענטש, וואָס האָט אין די טאָגטעגלעכע קעגנזײַטיקע פאַרהעלטענישן מיט מענטשן פאַרלאָרן די זיטלעכע פּרינציפּן און מאַסקירט די מאָראַלע נידעריקייט פון זײַנע האַנדלונגען מיט פראַזעאָלאָגיע, — איז דער שטשעדרינישער פּערסאָנאַזש „אָן אויסוווּרף אָף אַ ריכטיקן וועג”. דאָס האָט מיט דער גאַנצער פּרינציפּיעלער שאַרפקייט און באַשטימטקייט באַטאָנט לענין, ווען ער האָט געשריבן: „קאַריערעסטן האָבן ניט קיינע אידייען, קיין שום ערלעכקייט”[2].

[1] К. Маркс и Ф. Энгельс. Сочинения, т. 16, стр. 11.
[2] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 38, стр. 199.

מיט סאַרקאַזם האָט ער גערעדט וועגן דעם, אַז „ענדערן ניט בלויז אין 24 שאָ, נאָר כאָטשבי אפילע אין 24 כאַדאָשים זייערע אָנשויונגען... קאָנען בלויז מענטשן אָן פּרינציפּן"[1].

די עלעמענטאַרע פּרינציפּן פון צוזאַמענלעבן און די פּאָשעטע נאָרמעס פון זיטלעכקייט, וועלכע טראָגן אַן אַלמענטשלעכן כאַראַקטער, זיינען ניט איזאָלירט פון די קלאַסן־פאַרהעלטענישן, פונעם קלאַסן־קערן פון דער אָדער אַנדערער מאָראַל־סיסטעם. ווען מאַרקס האָט באַוויזן די דאָזיקע אָפּהענגיקייט, האָט ער אָפּגעמערקט, אַז דער געוויסן פונעם רעפּובליקאַנער שיידט זיך אונטער פון דעם געוויסן פונעם ראָיאַליסט, דער דאָזיקער געוויסן איז אַנדערש בא א רייכן מענטשן און בא א קאַפּצן, בא א דענקענדיקן מענטשן און בא א ניטדענקענדיקן[2].

די קאָמוניסטישע מאָראַל, לעהייפּעך צו דער בורזשואַזער, שליסט ניט בלויז אָרגאַניש איין אין דער סיסטעם פון אירע פּרינציפּן די פּאָשעטע זיטלעכע נאָרמעס, באַרייכערנדיק און אַנטוויקלענדיק זיי, זי שטעלט זיך אויך אַלס ציל צו פאַרוואַנדלען זיי אין פעסטע לעבנס־קלאָלים פאַר אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. „אונדזער קאָמוניסטישע מאָראַל,— האָט באַטאָנט ל. אי. ברעזשנעוו אַפן XVII צוזאַמענפאָר פונעם קאָמיוג,— יאַרשנט מיט רעכט און אַנטוויקלט די הומאַניסטישע נאָרמעס פון זיטלעכקייט, וועלכע די מענטשהייט האָט אויסגעאַרבעט. אַרבעטסזאַמקייט, ערלעכקייט, באַשיידנקייט, זעלבסטווירדע, כאַווערישקייט, קעגנזייטיקע אַכטונג — דאָס אַלץ זיינען אָרגאַנישע שטריכן פון דער מאָראַל פונעם סאָוועטישן מענטשן"[3].

אָט די אַלמענטשלעכע דיאַלעקטיק און קלאַסן־דיאַלעקטיק באַקומען אין אונדזער צייט א באַזונדערע אַקטועלקייט, ביפראַט אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַזויגערופענע גלאָבאַלע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאַר דער היינטיקער מענטשהייט. די ספּעציפישקייט פון אַזעלכע פּראָבלעמען פון דער איצטיקער צייט, ווי אויסמיידן די געפאַר פון א נוקלעאַרער

[1] В. И. Ленин. Там же, т. 5, стр. 6.
[2] К. Маркс и Ф. Энгельс. Сочинения, т. 6, стр. 140.
[3] Л. И. Брежнев. Вопросы развития политической системы Советского общества, стр. 300.

מילכאָמע, אָפּהיטן די נאַטור, וועלכע רינגלט אונדז ארום, די פּראָבלעמען פון דעמאָגראַפיע, פון באַהערשן דעם קאָסמישן רוים אאַוו. באַשטייט דער־רין, וואָס לייזן זיי איז לעבנסנייטיק פאַר אַלע לענדער און פעלקער פון דער וועלט, און דאָס איז מעגלעך בלויז אין רעזולטאַט פון געמיינזאַמע באַמיִונגען פון דער גאַנצער מענטשהייט. פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע סיסטעמען און סאָציאַלע קרעפטן דאַרפן אין די דאָזיקע געביטן אַרבעטן קאָ נ ט אַ ק ט י ר ט. דאָס איז אַן אַקסיאָמע פון דער הײַנטיקער היסטאָרי־שער אַנטוויקלונג, זי קלינגט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער אין די פאָ־דערונגען, וואָס די ברייטע מאַסן רוקן אַרויס צו זייערע רעגירונגען. אין די דאָזיקע באַדינגונגען אַנטפּלעקט זיך מיט אַ באַזונדער באַשײַמפּער־לעכקייט די אָרגאַנישע אײַנגעשלאָסנקייט פון די אַלמענטשלעכע מאָמענטן אין די אידייִשע פּאָזיציעס פונעם סאָציאַליזם, עס ווערט אַ וויכטיקסטער פאַקטאָר דער פאַרשטאַרקטער אידעאָלאָגישער קאַמף אַרום די גלאָבאַלע פּראָבלעמען פון דער הײַנטיקער צײַט, דער קאַמף פאַר די מויכעס און הערצער פון די מענטשן פון גאָר דער וועלט. ס׳אַנטפּלעקט זיך אַ ווירקזאַם מיטל צו איזאָלירן די רעאַקציאָנערע קרעפטן, צוציִען אויף דער זײַט פון דער רעוואָליוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג נײַע פאַרבינדעטע, פאַרברײ־טערן דעם פראָנט פונעם אַנטי־אימפּעריאַליסטישן קאַמף. דאָס אַלץ איז גוירעם אַ וווקס פונעם אויטאָריטעט און פּרעסטיזש פונעם רעאַלן סאָ־ציאַליזם.

די איינהײַט פון דער אידייִש־פּאָליטישער און זיטלעכער דערציִונג, פון דער אַרבעטס־דערציִונג איז צו דערקלערן דערמיט, וואָס דער כאַראַק־טער פון דער הײַנטיקער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און די פּאַרטיפּערונג פון דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע, דער גאַנצער סכום פון די הײַנ־טיקע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן שטעלן אַרויס הויכע פאָדערונגען צום ניוואָ פון דער באַוווסטזיניקייט, אָרגאַניזירטקײַט און פאַראַנטוואָרט־לעכקײַט פון די מענטשן.

דערציִען אין די מענטשן דאָס געפיל פאַר געזעלשאַפטלעכער דיס־ציפּלין, דאָס געפיל, אַז אַלע בירגער מוזן אָפּהיטן זייערע פליכטן בענעגייע דער געזעלשאַפט, — די דאָזיקע אויפגאַבע איז ניט אָפּצוטיילן פון דער ווײַטערדיקער פאַרפולקומונג פון דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע. „...די מעלוכע, — האָט לענין געשריבן, — איז שטאַרק אַדאַנק דער באַוווסט־זיניקײַט פון די מאַסן. זי איז שטאַרק דעמלט, ווען די מאַסן ווייסן אַלץ,

זיי קאָנען וועגן אַלץ אורטיילן און גייען אײַן אויף אַלץ באוווּסטזיניק״[1].

אין אָט דער פאָרמול איז אין טאָך געגעבן אַ פּרינציפּיעל נײַע דערקלערונג וועגן די קוואַלן פון דער קראַפט און מעכטיקײַט פון דער מעלוכע, אַ דערקלערונג, וועלכע האָט פאַרבונדן אין איין גאַנצעס די פּראָבלעמען פון סאָציאַליסטישער מעלוכישקײַט און רעאַלער דעמאָקראַטיע, די רעכט און פליכטן פונעם מענטשן, די קאָמוניסטישע דערציִונג און די אַקטיווקײַט פון די מאַסן אין געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן געביט און אינעם אַרבעטס־געביט, זייער אומיטלבאַרן אָנטייל אינעם פאַרוואַלטן מיט דער מעלוכע, מיט די געזעלשאַפטלעכע און פּראָדוקטירישע איניציאַטיוון. דער דאָזיקער לעניניסטישער פּרינציפּ איז קאָנסעקווענט דורכגעפירט אין דער נײַער קאָנסטיטוציע פון פססר, וואָס איר טאָך דריקט זיך אויס אינעם פאַרברייטערן און פאַרטיפערן דעם סאָציאַליסטישן דעמאָקראַטיזם פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט.

אינעם באַוווּסטזיניקן לעבן טרעטן אַרײַן אַלץ נײַע דורות פון דער יוגנט, וועמען עס שטייט פאָר צו לערנען זיך קאָמוניזם אין נײַע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, וואָס שיידן זיך אונטער פון די באַדינגונגען, וועלכע זײַנען געווען אין דער פאַרגאַנגענהײַט. די יוגנט דאַרף באַהערשן די אויסערסט רײַכע דערפאַרונג פון די עלטערע דורות, דעראָבערן, ווי לענין פלעגט זאָגן, אַ „הויכע מאָס באַוווּסטזיניקײַט, פעסטקײַט פונעם כאַראַקטער, אַ פאָרשנדיקן קוק און אַ ברייטע פּאָליטישע וועלט־אָנשויונג״[2].

אין די אַרויסטרעטונגען און רעדעס פון ל. אי. ברעזשנעוו, אין די אַנדערע פּאַרטייִשע דאָקומענטן זײַנען פאָרמולירט די קאָנקרעטע פאָרמען און וועגן, וויאַזוי צוציִען די אונטערוואַקסנדיקע דורות, אין העסקעם מיט די אַנטשפּרעכיקע הײַנטצײַטיקע באַדינגונגען און אויפגאַבן, צו דער אַלפאָלקישער מי, צו געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער טעטיקײַט, איבערגעבן זיי די אידייִשע אוצרות, וועלכע די פּאַרטיי האָט אָנגעזאַמלט.

לענין האָט שטענדיק געלייגט אַכט דערויף, אַז די פאָרמען און מעטאָדן פון דערציִען דעם יונגן דאָר זאָלן אַנטשפּרעכן די אָביעקטיווע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען און פאָדערונגען. „אונדזער דאָר, — האָט לענין אָפּגעמערקט, — איז שווערער, איידער אונדזערע טאַטעס. אָבער אין

1 В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 35, стр. 21.
2 В. И. Ленин. Там же, т. 40, стр. 15.

איין הינזיכט זײַנען מיר א סאך גליקלעכער פון אונדזערע טאטעס. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט און לערנען זיך שנעל אויס צו קעמפן, — און קעמפן ניט אלס יעכידים, ווי עס האָבן געקעמפט די בעסטע פון די טאַ־טעס, ניט לעשעם די לאָזונגען פון די בורזשואזע שײנרײדער, לאָזונגען, וועלכע זײַנען אונדז אינערלעך פרעמד, נאָר לעשעם די אײגענע לאָזונגען, לעשעם די לאָזונגען פונעם אײגענעם קלאס. מיר קעמפן בעסער, אײדער אונדזערע טאטעס. אונדזערע קינדער וועלן קעמפן נאָך בעסער און זײ וועלן זיגן"[1].

די לענינישע אופגאבע: „ערשטנס — לערנען, צווײטנס — לערנען און דריטנס — לערנען"[2] האָט פאר דער יוגנט א פראָגראם־כאראקטער, וועלכע ווערט רעאליזירט אין קאָנקרעטע ספעציפישע פאָרמען אף יעדן עטאפ פון דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג.

דעם יונגן דאָר שטײט פאָר אין דער ערשטער רײ באהערשן די פאר־גאנגענע היסטאָרישע דערפארונג. אין די טראדיציעס פונעם סאָציאליזם איז אקומולירט א פרינציפּיעל נײַע סאָציאלע דערפארונג, און דאָס באַ־הערשן זי טראָגט א שעפערישן כאראקטער, וואָס דארף צוגעפאסט ווערן צו די נײַע באדינגונגען. ווען עס גײט א רײד וועגן באהערשן די טראַ־דיציעס, שטעלט זיך קוידעמקאָל די פראגע וועגן זײער אינהאלט און ניט וועגן דער אויסערלעכער פאָרם, וועגן דעם, וויאזוי אויסנוצן זײ אין די געענדערטע געזעלשאפטלעכע אומשטענדן. עס איז אומעגלעך מעכאניש צו עקסטראפּאָלירן די טראדיציע אף דער נײַער סיטואציע. די טראדיציע לעבט, אויב זי ווערט בארײַכערט און אנטוויקלט אפן סמאך פון לײזן די הײַנטצײַטיקע אופגאבן, אפן סמאך פון א קאָנקרעטן אנאליז פון דער קאָנ־קרעטער סיטואציע. און דאָס איז אומעגלעך צו טאָן לויט אן אנאלאָגיע — מע דארף וויסנשאפטלעך באזיניקן סײַ די נײַע סיטואציע, סײַ די אָנגע־זאמלטע דערפארונג.

צומאָל שטויסט מען זיך אָן אף אן אלטערנאטיווער שטעלונג פון דער פראגע „צי איז די הײַנטיקע יוגנט גוט אָדער שלעכט?" — און דערנאָך קומט א לעבהאפטיקע פּאָלעמיק. ווי עס שײַנט, איז דאָס עצעם אוועק־שטעלן די פראגע אין אזא פאָרם ווײניק באגרינדעט פון שטאנדפונקט פו־

---

[1] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 23, стр. 256.
[2] В. И. Ленин. Там же, т. 45, стр. 391.

נעם וויסנשאפטלעכן צוגאנג, און אין פראקטישן זין גיט עס נאָך ווייניקער. עס קאָן ארויסקומען אן אבסטראקט מאָראליזירן, איגנאָרירנדיק די קאָנקרעטע באדינגונגען (סאָציאלע, עקאָנאָמישע, וויסנשאפטלעך־טעכנישע און קולטור־שטייגערישע), בא וועלכע יעדער דאָר טרעט ארײַן אינעם באוווסטזיניקן לעבן.

יעדער דאָר, קומענדיק אף דער געזעלשאפטלעכער ארענע, טרעפט באשטימטע פראָדוציר־קרעפטן, א באשטימטן אנטוויקלונגס־ניוואָ פון דער וויסנשאפט און טעכניק, ער טרעפט די קולטור, טראדיציעס, מינהאָגים, געוווינהײַטן אדג., די קאָנקרעטע געזעלשאפטלעך־פּאָליטישע אטמאָספער, וועלכע ער זאפט אײַן אין זיך און אין וועלכער ער ווערט פאָרמירט. אין גאנג פון דער סאָציאלער אדאפטאציע פונעם יונגן דאָר שפילט אן אקטיווע ראָליע, צוגלײַך מיטן באהערשן די סאָציאליסטישע טראדיציעס פון דער געזעלשאפט, די אידייִש־פּאָליטישע אופקלערונג.

אָן טעאָרעטישע קענטענישן זײַנען אומעגלעך סײַ די באזיניקטע באציִונג צום לעבן, סײַ דאָס פאנאנדערקלײַבן זיך אין דער קאָמפּליצירטער און ווידערשפרעכלעכער אנטוויקלונג פון די געשעענישן, סײַ דאָס אויסארבעטן פעסטע פּרינציפּן אין דער וועלט־אָנשויונג. דערבײַ דארף מען אָבער באטאָנען, אז עס האנדלט זיך וועגן דעם, אז די יוגנט דארף באהערשן די וויסנשאפטלעכע אידעאָלאָגיע ניט אין דער פאָרם פון „פּארטיקע״ קענטענישן, נאָר אין דער פאָרם פון א לערע, וואָס אנטוויקלט זיך שעפעריש סײַ אין דער טעאָריע, סײַ אין דער מעטאָדאָלאָגיע, א לערע, וואָס איז פייִיק צו דינען דער לייזונג פון די אופגאבן סײַ פון הײַנטיקן, סײַ פון מאָרגעדיקן טאָג. גערעכט איז געווען דער פּובליציסט ע. וו. איליענקאָוו, וועלכער האָט געשריבן: „א סייכל, וואָס איז צוגעוווינט צו ארבעטן לויט א שטאמפּ, לויט א פארטיקן רעצעפּט פון א „טיפּן־באשלוס״, פארלירט זיך דאָרט, ווו מע פאָדערט, אז ער זאָל געבן א זעלבשטענדיקע (שעפערישע) לייזונג. דער מענטש מיט אזא סייכל האָט דערפאר ניט ליב קיין ווידערשפּרוכן. ער באמיט זיך אויסמײַדן זיי און זיך אומקערן נאָכאמאָל און ווידעראמאָל צו די אויסגעטראָטענע רוטין־וועגן. ווען עס טרעפן דורכפאלן, ווען די ווידערשפּרוכן טרעטן אקשאָנעסדיק ארויס, פאלט אזא מענטש ארײַן אין א היסטעריקע, גראָד דאָרט, ווו מע דארף דענקען״[1].

[1] Э. В. Ильенков. Об идолах и идеалах. М., Политиздат, 1968, стр. 168.

אקצענטירן די אופמערקזאמקײט אפן דערצױען בא דער יוגנט א שעפערישע אופאסונג פון דער טעאָריע און פראקטיק פונעם סאָציאַליזם איז ניט בלויז אן אופגאבע, וואָס דרינגט ארויס פון די אלגעמיינע מאָטיוון פון טעאָרעטישער דערקענטעניש, — זי איז אויך אן אומיטלבארע אידייִש־פּאָליטישע פּראָבלעם פון דער הײַנטיקער געזעלשאפטלעכער פּראַקטיק, ווײַל די שעפערישע באַציִונג צו דער טעאָריע און פראקטיק פונעם סאָציאַליזם און די טרײַהײַט צו „אלע טראַדיציעס פונעם באָלשעוויזם" (וו. אי. לענין) זײַנען צוויי אספעקטן פון לייזן איינע און די זעלבע אופּגאבע. פּאַרהיטן די יערושעדיקײַט, פאַרזעצן די טראדיציעס — דאָס איז א שעפערישער איניען, וואָס האָט קיין שום געמיינזאמס ניט מיטן פּאַשעטן אראָפּשרײַבן דאָס, וואָס עס איז געווען. היטן און פאַרזעצן א טראַדיציע באטײַט שעפעריש אנטוויקלען זי. איין זאך איז, — האָט לענין באטאָנט, — היטן די טראַדיציעס פון דער רעוואָליוציע, קענען אויסנוצן זיי פאר דער שטענדיקער פּראָפּאגאנדע און אגיטאציע, אף באקאנען די מאסן מיט די באַדינגונגען פונעם אומיטלבארן און באגרײַפערישן קאמף קעגן דער אַל־טער געזעלשאפט, א צווייטע זאך איז — איבערכאזערן איינעם פון די לאָ־זונגען, וואָס איז ארויסגעריסן געוואָרן פונעם סכום באַדינגונגען, וועלכע האָבן אים געבוירן און געזיכערט אים א דערפאָלג, און אָנווענדן אים אין באַדינגונגען, וועלכע זײַנען אינגאנצן אנדערע"[1]. דעריבער איז אזוי וויכ־טיק צו קענען באזיניקן די נײַע געזעלשאפטלעך־עקאָנאָמישע און פּאָלי־טישע סיטואציע, ריכטיק דיסקאָנטירן די געענדערטע באַדינגונגען.

די פראגע וועגן טראַדיציע, יערושעדיקײַט אינגאנצן גענומען, קאָן מען ניט פאַרעכענען צו די היסטאָרישע. די דאָזיקע פראגע איז א הײַנטצײַטי־קע, ווײַל באזיניקן די פאַרגאַנגענהײַט, פאַרשטיין דעם הײַנטיקן טאָג און זען די צוקונפט — דאָס אלץ איז קעגנזײַטיק געבונדן. און אויב די זוכונ־גען, די אָפּשאצונג און דער קאָנקרעטער אנאליז פון די פאַרהעלטענישן צווישן דער הײַנטצײַטיקער קולטור און דער קולטור פון דער פאַרגאַנ־גענהײַט ווערן געפירט אפן סמאך פון געגויע מארקסיסטיש־לעניניש אָריִענטירן און קלאָרע סאָציאַלע קריטעריען, וועט די דאָזיקע ארבעט געבן פרוכטבארע רעזולטאטן, זי וועט מיטהעלפן, אז די סאָציאַליסטישע

[1] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 16, стр. 26—27.

קולטור זאָל באַרײַכערט ווערן מיט די בעסטע מוסטערן פון דער קולטור פון דער פאַרגאַנגענהײַט.

איצט, ווען אין די גײַסטיקע זוכונגען איז אַזוי קענטיק אויסגעוואַקסן דער אינטערעס צו דער פאַרגאַנגענהײַט, וועט זײַן ניט איבעריק צו איי־בערכאַזערן, אַז ניט בלויז מיט דער פאַרגאַנגענהײַט לעבט אַ מענטש. און אויך ניט בלויז מיטן הײַנטיקן טאָג לעבט ער. אַ מענטש לעבט שטענדיק אויך מיט דער צוקונפֿט, ער האָט אַ מאָרגן. אומקערנדיק זיך אין די געדאַנקען און געפֿילן צו דעם אַלעם, וואָס איז שוין אַרויס פֿון אונטער דער מאַכט פֿונעם צײַט־לויף און געהערט דער געשיכטע, אָפּגעבנדיק אַלץ דעם הײַנט, בויט דער מענטש די צוקונפֿט. ער פֿאַרשטייט, אַז זײַן גורל, וואָס כאָזערט זיך ניט איבער, איז אַ טייל פֿון די מענטשלעכע גורלאָלעס, אַז די פֿרוכט פֿון זײַן ערלעכער מי, פֿון זײַנע טאָגטעגלעכע זאָרגן און פֿער־זענלעכן מוט פֿאַרבלײַבט פֿאַר די מענטשן, אַז מיליאָנען פּונקט אַזעלכע מענטשן, ווי ער זעלבסט, האָבן געשאַפֿן דעם בנין פֿון דער ציוויליזאַ־ציע און אַז די פּרינציפּן פֿון סאָציאַלן יושער באַנײַען די וועלט, זײַנען ניט אומזיסטע. דער אָפּטימיזם פֿון אופֿאַסן דאָס לעבן קומט אויף אַדאַנק דער באַזיניקונג פֿון אָט די הויכע עמעסן.

קעגן דער אויסגאַנגסלאָז־טראַגישער לעגענדע וועגן סיזיפֿן, וועלכע איז געווען דער אַבסורדישער אויסדרוק פֿונעם מענטשלעכן זײַן, פֿונעם מענטשנס אייביקער פֿאַרורטיילטקײַט צו פֿאַטערן אומזיניק זײַן מי, — שטייט דאָס העראָישע געשטאַלט פֿון פּראָמעטיי, וואָס איז אַ סימבאָל דערפֿון, אַז אייביק ברענט דעם מענטשנס האַרץ, זײַן דרייסטער געדאַנק, זײַנע מוטיקע מײַסים לעשעם דעם מענטשן, וועלכער פֿאַרייניקט אָרגאַניש אין איין גאַנצעס די פֿאַרגאַנגענהײַט, די קעגנוואַרט און די צוקונפֿט.

יעדער מענטש איז אין „געפֿאַנגענשאַפֿט בא דער צײַט". דאָס מענטש־לעכע לעבן איז געענדיקט, אָבער אַלץ, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן דורכן געדאַנק, דורך דער מי, לעבט אייביק, ווײַל אייביק איז דער גאַנג פֿון דער מענטשלעכער געשיכטע און יעדער נײַער דאָר קאָן ניט לעבן, אַרבעטן, קעמפֿן, אויב ער שפּאַרט זיך ניט אָן אויף דעם, וואָס עס האָבן געשאַפֿן און דעראָבערט זײַנע פֿאָרגייער.

אידייִש־מאָראַלישע פּראָבלעמען פונעם סאָציִאַליסטישן לעבנס־אופן

די מאָראלישע דערציִונג איז בארופן אויסצוארבעטן אן אקטיווע לעבנס־פּאָזיציע, א באוווסטזיניקע באציִונג צו די געזעלשאפטלעכע פליכטן. דאָרט, ווו דער מענטש איז ווייַט פון געזעלשאפטלעכן לעבן, ווו ער איז ארייַנגעטאָן אין די דאלעד־אמעס פון די עגאָיִסטישע אינטערעסן,— געפינען אָפּטער פון אלץ א נעסט די אָפּגעלעבטע זיטן, די אָבערגלויבנס און שעדלעכע געוווינהייַטן. „...דאָ זייַנען בלויז געזעצן ווייניק,— האָט אָנגעוויזן לענין,— עס איז נייטיק זייער א סאך דערציִערישע, אָרגאניזאציאָנעלע ארבעט, קולטור־ארבעט, וואָס מע קאָן דאָס ניט אָפּטאָן שנעל, מיטן געזעץ, דאָס פאָדערט א קאָלאָסאלע דויערנדיקע ארבעט"[1].

אלס וויכטיקע פּראָבלעמען פון מאָראלישער דערציִונג טרעטן הייַנט ארויס קוידעמקאָל די סאָציִאליסטישע קעגנזייַטיקע פארהעלטענישן צווישן מאטעריעלע און גייַסטיקע ווערטן, די אָרגאנישע איינהייַט פון די פּאָשעטע זיטלעכע נאָרמעס און דער קאָמוניסטישער מאָראל.

דער קער פון דער סאָציִאליסטישער עקאָנאָמיק צו אלץ מערער און מערער פארשיידענע אופגאבן, וועלכע זייַנען פארבונדן מיטן באפרידיקן די וואקסנדיקע מאטעריעלע באדערפענישן פון די ארבעטנדיקע, רוקט ארויס אפן פאָדערגרונט די פּראָבלעם פון קעגנזייַטיקע פארהעלטענישן צווישן די מאטעריעלע און גייַסטיקע ווערטן. די רעכט־רעוויזיִאָניסטישע און לינקאטשישע פּראָפּאגאנדע פּרווט שילדערן דעם ווּקס פונעם וווילשטאנד פון פאָלק אזוי, אז די סאָציִאליסטישע געזעלשאפט ווערט קלוימערשט פארוואנדלט אין א בורזשואז־געברויכערישער ווארִיאציע.

ניט גערעכט זייַנען די, וואָס זעען אין דער נויט און אימפּולס צו רעוואָליוציִאָנערישקייַט און אין דער סיסטעמאטישער פארבעסערונג פונעם לעבן

---

1 В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 38, стр. 166.

פון די ארבעטנדיקע — א סאקאָנע ארויסצורופן דעם בורזשואזן איבערגעבורט פון דער געזעלשאפט. אזעלכע מיינונגען קאָן מען טרעפן בא פארשיידענע פאָרמען פון קליינבירגערלעכן סאָציִאַליזם, וועלכער באציט זיך ביכלאל מיט ביטל צו די מאטעריעלע לעבנס־באדינגונגען פון די מענטשן, אָדער ער האלט, אז דער ציל און דער זין פונעם סאָציִאַליזם זײַנען אָנבאלאנגט בלויז דער געברויכערישער ספערע.

דעם קאָמוניזם, זײַן אידעאָלאָגיע און זײַן מאָראל זײַנען לאכלוטן פרעמד סײַ דער קולט פון זאכן, סײַ די ביטל־באציִונג צו די מאטעריעלע באדערפענישן. די אלזײַטיקע אנטוויקלונג פון דער פערזענלעכקײַט איז מעגלעך בלויז דעמלט, ווען עס עקזיסטירן באשטימטע מאטעריעלע און גײַסטיקע פאָרהאנאָכעס, וועלכע ווערן געשאפן אין גאנג פון דער סאָציִאַליסטישער בויונג. ווען איבערן מענטשן הערשט די מאטעריעלע נויט, קאָן ניט זײַן קיין שום רייד וועגן אוועלכער־ניט־איז אלזײַטיקער אנטוויקלונג פונעם אינדיווידן. אין דער זעלבער צײַט איז אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאפט די שעפע פון מאטעריעלע רײַכטימער ניט דער זעלבסטציל, נאָר א נייטיקער באדינג, וואָס אָן אים קאָן ניט געמאָלט זײַן קיין פרײַע גײַסטיקע אנטוויקלונג פונעם מענטשן.

עס איז ניט ריכטיק צו מאָלן די קאָמוניסטישע געזעלשאפט אלס א קיניגרײַך פון אָרעמקײַט פאר אלעמען, און אין אזא „גלײַכהײַט״ זען דעם אידעאל פון דער צוקונפט. דאָס איז א טיפיש קליינבירגערלעכער שטאנדפונקט. באם פראקטישן פארווירקלעכן אים וועט זיך באקומען א קאריקאטור אף דער נײַער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג — א „קאזארמע־קאָמוניזם״. „דער באלעבעסלדיקער סאָציִאַליזם, — האָט לענין געשריבן, — מיינט, אז מע קאָן אלע מענטשן מאכן פאר אלציינע באלעבאטימלעך...״[1]. דאָס לעבן האָט פולשטענדיק דעמאסקירט די עקאָנאָמישע באָדנלאָזיקײַט און די סאָציִאַל־פּאָליטישע רעאקציִאָנערקײַט פון די אידייען פונעם באלעבעסלדיקן סאָציִאַליזם.

די בעעמעס סאָציִאַליסטישע לייזונג פון דער פּראָבלעם פון גלײַכהײַט האָט קיין שום געמיינזאמס ניט מיט דער אוניפיקאציע פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקײַט, מיט אײַנשטעלן א „דורכשניטלעכע מאָס״ פון די

[1] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 13, стр. 124.

מענטשלעכע פייִקייטן, טאלאנטן אאזו. — ווי דאָס ווערט געוויינלעך גע־שילדערט אין דער בורזשואזער ליטעראטור. „...ווען די סאָציאַליסטן ריידן וועגן גלײַכהײַט, — האָט געשריבן לענין — פארשטייען זיי דערמיט שטענ־דיק די געזעלשאפטלעכע גלײַכהײַט, די גלײַכהײַט פון דער געזעלשאפט־לעכער לאגע און אין קיין פאל ניט קיין גלײַכהײַט פון פיזישע און גײַס־טיקע פייִקײַטן פון באזונדערע פערזענלעכקײַטן"[1].

אין דער נײַער קאָנסטיטוציע פון פססר לייענען מיר: „אין העסקעם מיטן קאָמוניסטישן אידעאל — „די פרײַע אנטוויקלונג פון יעדן איינעם איז א באדינג פאר דער פרײַער אנטוויקלונג פון אלעמען" — שטעלט די מעלוכע פאר זיך דעם ציל פארברייטערן די רעאלע מעגלעכקײַטן פון די בירגער אָנצווענדן זייערע שעפערישע קרעפטן, פייִקײַטן און טאלאנטן פאר דער אלזײַטיקער אנטוויקלונג פון דער פערזענלעכקײַט". דערצו זײַ־נען קוידעמקאָל נייטיק ברייטע מאטעריעלע פאָרהאנאָכעס. די קאָמוניסטי־שע פארטיי פונעם סאָוועטנפארבאנד, טרײַ דעם טאָך פונעם וויסנשאפט־לעכן קאָמוניזם, טוט אלץ, וואָס איז נייטיק, קעדיי דאָס לעבן פון די סאָ־וועטישע מענטשן זאָל ווערן פון יאָר צו יאָר, פון פינפיאָר צו פינפיאָר אלץ בעסער — מע זאָל בויען וואָס מער וווויל־אײַנגעאָרדנטע הײַזער, ס'זאָל וואקסן דער ארויסלאָז פון הויכקוואליטאטיווע סכוירעס, פולער זאָלן באַ־פרידיקט ווערן די באדערפענישן פון די ארבעטנדיקע אין שפּײַז־פּראָ־דוקטן, ס'זאָל קעסיידער ווערן פולקומער די באדינונגס־ספער. א גאראנ־טיע פאר דער לייזונג פון אָט די אופגאבן איז די ברייטע סאָציאַל־עקאָנאָ־מישע פראָגראם פונעם צענטן פינפיאָר, וועלכע איז פאנאנדערגעארבעט געוואָרן אין העסקעם מיט די אײַנשטעלונגען פונעם XXV צוזאמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פונעם סאָוועטנפארבאנד. צי באטײַט דאָס, אז די סאָציאַליסטישע געזעלשאפט גייט מיטן וועג פון געברויכערישקײַט, ווי דאָס פרוּוון שילדערן די בורזשואזע און רעוויזיאָניסטישע קריטיקער פונעם רעאלן סאָציאַליזם? פארשטייט זיך, אז ניט.

דער געברויך אָן און פאר זיך מאכט לאכלוטן ניט די געזעלשאפט פאר א געברויכערישער. די באדערפענישן אָנקומען אָן אוטיליטארן כאראקטער בא ספעציפישע געזעלשאפטלעכע פאָרמען, וועלכע זײַנען פארבונדן מיטן

[1] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 24, стр. 364.

היסטאָריש צײַטווײַליקן קאפּיטאליסטישן פּראָדוציר־אויפן. אן אנדער לאגע איז באם סאָציאליזם, וואָס דאָס באטײַט ניט, פארשטייט זיך, אז אין די סאָציאליסטישע באדינגונגען זײַנען אווטאָמאטיש אויסגעשלאָסן די רעצידיוון פון דער באלעבעסלדיק־געברויכערישער פּסיכאָלאָגיע.

סאָציאליזם באטײַט, אז עס ווערן גרעסער און פארשיידנארטיקער די מענטשלעכע באדערפענישן. דערבײַ ווערט, צוזאמען מיטן ווּקס פונעם מאטעריעלן וווילשטאנד, סיסטעמאטיש רײַכער און פילזײַטיקער דער אידייִש־זיטלעכער פּאָטענציאל פון דער געזעלשאפט, און דאָס גײַסטיקע לעבן פונעם פאָלק ווערט אלץ אינהאלטסרײַכער, פילארטיקער און אינטערעסאנטער. אין צוזאמענהאנג דערמיט דארף מען באזונדערס זאָגן וועגן יענע ריזיקע מעגלעכקײַטן פאר דער מאָראלישער באַרײַכערונג פון דער געזעלשאפט, וועלכע עס פארמאָגן די ליטעראטור און קונסט, ווײַל זיי האָבן צו טאָן דירעקט מיטן פאָרמירן דעם מענטשנס אינערלעכע וועלט, זײַנע מאָראלישע און אידייִש־זיטלעכע פּרינציפּן.

דער XXV צוזאמענפאָר פון אונדזער פּארטיי האָט אונטערגעשטראָכן די וויכטיקײַט און אקטועלקײַט פון דער זיטלעכער פּראָבלעמאטיק. „עס לוינט אָפּצומערקן נאָך איין טעמע,— האָט געזאָגט ל. אי. ברעזשנעוו,— וואָס אונדזער ליטעראטור און קונסט האָבן געשענקט ניט ווייניק אויפמערקזאמקײַט. דאָס איז די טעמע פון מאָראל, די זיטלעכע זוכונגען. עס זײַנען דאָ געווען אויך אייניקע בלויזן, אָבער פונדעסטוועגן זײַנען געווען מער דערגרייכונגען. דער פארדינסט פון אונדזערע שרײַבער און קינסטלער באשטייט דערין, וואָס זיי שטרעבן אונטערצוהאלטן די בעסטע אייגנשאפטן פונעם מענטשן — זײַן פּרינציפּיעלקײַט, ערלעכקײַט, טיפקײַט פון די געפילן, האלטנדיק זיך דערבײַ בא די פעסטע פּרינציפּן פון אונדזער קאָמוניסטישער מאָראל”[1].

אזא שטעלונג פון דער פראגע דערלויבט טיפער קלאָר צו מאכן צוויי פּרינציפּיעלע פּראָבלעמען, וואָס זייער ריכטיקע לייזונג האָט אן אומיטל־

[1] «Материалы XXV съезда Коммунистической партии Советского Союза», стр. 79.

באַרע שײַכעס צו דער עפעקטיווקײַט פון דער מאָראַלישער דערציִונג. דאָס איז די פּראָבלעם וועגן דער „מאָראַלישער רעפלעקסיע” און דער ראָליע, וועלכע עס שפּילן די פּאָשעטע זיטלעכקײַט־נאָרמעס אינעם פאַרמירן די קאָמוניסטישע מאָראַל־שטריכן פון דער פּערזענלעכקײַט. מע קאָן ניט, לויט אונדזער מיינונג, מאַסקים זײַן מיט דער נעגאַטיווער טראַקטירונג פון דער „מאָראַלישער רעפלעקסיע”, וועלכע איז געגעבן אין אייניקע ליטעראַריש־קריטישע און פילאָסאָפישע ווערק און זי ווערט מאָטיווירט מיט דער נייטיקײַט צו באַשטעטיקן דעם „אַקטיוו טעטיקן מענטשן”, אין קעגנזאַץ צום „רעפלעקסירנדיקן”.

ווי אונדז שײַנט, וואָלט געווען אומבאַגרינדעט צו קעגנשטעלן די טעטיקײַט און די רעפלעקסיע, זעענדיק אין דער טעטיקײַט „אַבסאָליוט גוטס”, אין דער רעפלעקסיע „אַבסאָליוט שלעכטס”. די טעטיקײַט מיכוץ דער מאָראַלישער רעפלעקסיע, מיכוץ די אינערלעכע מאָראַלישע אָריִענטירן אינעם געזעלשאַפטלעכן פּלאַן קאָן עפּשער אַרויסווײַזן זיך פאַר געפערלעכער, איידער די ריינע רעפלעקסיע מיכוץ דער טעטיקײַט.

די רעפלעקסיע, וואָס ווערט פאַרשטאַנען ניט אינעם זין פון אַבסטראַקטער מאָראַליזירונג, נאָר ווי זיטלעכע זעלבסטאָפּשאַצונג, מאָראַלישע באַזיניקונג פון דער לעבנס־דערפאַרונג, זיטלעכע זוכעניש, אינערלעכע באַטראַכטונגען אַרום געזעלשאַפטלעכע מאָראַל־נאָרמעס, — איז אַ נייטיקע פאָרהאַנאָכע פאַר דער סאָציִאַליסטישער אויפירונג אין סאַמע ברייטן זין, אַ פעסטער יעסאָד פאַר דער מאָראַלישער זיכערהײַט פון דער פּערזענלעכקײַט. ס׳איז אַ פאַקט, אַז ווען עס איז ניטאָ קיין באַדערפעניש אין מאָראַלישער רעפלעקסיע, טרעט אָפט אַרויס איר ניהיליסטישע אָפּלייקענונג אלס אַ באַרעכטיקונג פונעם שטייגערישן אָפּאָרטוניזם און פון דער מאָראַלישער קאַפּיטוליאַנטישקײַט אין קאָמפּליצירטע לעבנס־באַדינגונגען. אויב רעפלעקסיע מיכוץ טעטיקײַט פירט צו אַבסטראַקטער מאָראַליזירונג, צום אָפּגיין פון די רעאַלע לעבנס־פּראָבלעמען, ווערט די טעטיקײַט מיכוץ דער מאָראַלישער רעפלעקסיע פאַרוואַנדלט אין אַן אומבאַטראַכטן אַקטיוויזם, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין מאָראַלע אָריִענטירן, אין „טעטיקער אַמעראַצעס”.

די מענטשלעכע פּערזענלעכקײַט איז אַן איינהײַט פונעם אינטעלעקט, כאַראַקטער און וועלט־אָנשויונג. דער אינטעלעקט, וואָס ווערט פאַרשטאַנען אַלס די טיפקײַט און באַגרינדעטקײַט פון די קענטעניש, אַלס אינער־

לעכע קולטור, זעלבשטענדיקייט און אָריגינעלקייט פונעם דענקען[1] (דאָס דריקט זיך אויס אין דער טיפקייט פונעם פארשטיין די לעבנס־ווערטן, אין דער אָריִענטאציע אף מי, שעפערישער טעטיקייט), — איז דאָס ניט אָפּצור־טיילן פונעם כאראקטער פון דעם מענטשן, פון זיין מאָראלישקייט, פון דער פעסטקייט פון די פרינציפּן פון זיין וועלט־אָנשויונג.

דער כאראקטער און די וועלט־אָשויונג באשטימען דעם סטיל פונעם דענקען, דעם באוווסטזיניקן אויסוואל, זיי גאראנטירן, אז אלץ, וואָס עס ווערט געזאָגט, איז באזיניקט און דורכגעטראכט. רעאל באשטימען די באַ־זיניקונג און דורכגעטראכטקייט קאָן בלויז די אקטיווקייט פון די לעבנס־פּאָזיציעס. מארקס האָט אין דער יוגנט געשריבן: „דער, וועמען עס פּאר־שאפט מער פארגעניגן צו גריבלען זיך אייביק אין זיך גופע, איידער מיט די אייגענע קויכעס בויען א גאנצע וועלט, זיין דער שעפער פון א וועלט, — טראָגט אף זיך די טויכעכע פונעם גייסט, אף אים איז ארופגעלייגט א כיי־רעם, אָבער אין פארקערטן זין — ער איז פארטריבן פונעם בייס־האמיקדעש און איז געבליבן אָן דעם אייביקן גייסטיקן נאכעס־רועך, אים קומט אויס צו איינשלעפערן זיך מיט ראיוינעס וועגן זיין פערזענלעך גליק און כאַ־לעמען אין די נעכט וועגן זיך זעלבסט"[2].

אינעם צוגאנג צו די מאָראלישע ווערטן איז דער מארקסיזם פרעמד דער סאָציִאָלאָגישער רעלאטיוויזם, וועלכן די אידייִשע קעגנער פּרווון זיך צושרייבן אים. דער סאָציִאלער דעטערמיניזם, וואָס איז אייגנטימלעך דעם מארקסיזם־לעניניזם, מאכט לאכלוטן ניט קיין סאָף צום געוויסן, צו דער זיטלעכער אָפּשאצונג, אדעראבע, ער גיט זיי די איינציק ריכטיקע וויסנ־שאפטלעכע באגרינדונג. די קאָמוניסטישע מאָראל ווערט געשאפן פון צוויי גרונט־עלעמענטן:

---

[1] Антипод оригинальности — оригинальничание. Уместно привести кантовское различение этих внутренне противостоящих понятий. Кант определил оригинальничанье как «обезъяничанье», оно возникает, когда форма несоразмерна идее (см. И. Кант. Соч. т. 5, М., 1966, стр. 336). Иначе говоря, оригинальничанье или «обезъяничанье» — это всегда манерность, вторичность и ретрансляция уже известного в претенциозно-вульгарных формах, когда развитие мысли и движение понятий подменяется эквилибристикой слов.

[2] К. Маркс и Ф. Энгельс. Из ранних произведений. М., 1956,

— פון דער רעוואָליוציאָנערער מאָראַל פונעם ארבעטער־קלאַס, וועלכע האָט א באַזונדערס וויכטיקע באַדײַטונג אין דער זיטלעכער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט;

— פון די פּאַשעטע געזעצן פון זיטלעכקײַט און יושער, וועלכע זײַנען פארפיקסירט דורך דער אייביק זיטלעכער דערפארונג פון די ארבעטסמאַסן אין זייער קאַמף קעגן עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג, קעגן דער אַפּיציעלער מאָראַל פון די הערשנדיקע קלאַסן. מאַרקס נאָך האָט ארויסגעשטעלט די אויפגאַבע: „...דערשלאָגן זיך דערצו, אז די פּאַשעטע געזעצן פון זיטלעכקײַט און יושער, בא וועלכע עס דאַרפן זיך האַלטן אין זייערע קעגנזײַטיקע פאַרהעלטענישן פּריוואַטע מענטשן, זאָלן ווערן די העכסטע געזעצן אויך אין די באַציונגען צווישן פעלקער"[1].

ווי עס איז צו זען, וואַרפן די מאַרקסיסטן ניט אָפּ די זיטלעכע דערפארונג, וואָס איז אָנגעזאַמלט אין די עלעמענטאַרע מאָראַל־נאָרמעס, פאַרקערט, זיי אנטפּלעקן איר סאָציאַלע באַדײַטונג. „א מענטש מיט לעבנסדערפארונג — האָט געשריבן לענין, — ווען ער גיט א קוק אפן אקוראַט „גלאַטן" פּאַרצעף און אויסערלעכן אויסזען פון א „וויל־געבוירענעם מענטשן" וועט ער טייקעף און אָן שום טאָעס זאָגן: „לויט אַלע וואָרשײַנלעכקײַטן, א שווינדלער"[2]. אין 1921, ווען עס איז געגאַנגען די פּאַרטייריינִיקונג, האָט לענין באַזונדערס באַטאָנט די באַדײַטונג פון דער סאָציאַלזיטלעכער דערפארונג פון די מאַסן: „די ארבעטנדיקע מאַסע כאַפּט אויף מיט דער גרעסטער פּילבאַרקײַט די פאַרשיידנקײַט צווישן ערלעכע און איבערגעגעבענע קאָמוניסטן און אַזעלכע, וואָס רופן ארויס א ווידערגעפיל בא א מענטשן, וועלכער האָרעוועט מיטן ביטערן שווייס, קעדיי פאַרדינען אפן שטיקל ברויט, האָט ניט קיינע פּריווילעגיעס, קיינע „וועגן צו דער נאַטשאַלסטווע"[3].

די געוויינלעכע נאָרמעס פון זיטלעכקײַט — ערלעכקײַט, כאַווערישקײַט, געפיל פון פערזענלעכער ווירדע, געוויסנהאַפטיקײַט, לײַטישקײַט — זײַנען אומיטלבאַר פארבונדן מיט דער אויספאָרמירונג פון די מער קאָמפּליצירטע סאָציאַלע נאָרמעס פון זיטלעכקײַט, בילדנדיק זייער פונדאַמענט. אָן די איבעריקע זיטלעכע יעסוידעס קאָן אפילע קיין רייד ניט זײַן

[1] К. Маркс и Ф. Энгельс. Сочинения, т. 16, стр. 11.
[2] В. И. Ленин. Полное собр. сочинений, т. 39, стр. 23.
[3] В. И. Ленин. Там же, т. 44, стр. 123.

וועגן דער אידייִשער קוואליטעט פונעם מענטשן. א מענטש, וואָס פארמאָגט ניט קיין זיטלעכע פּרינציפּן אין די טאָגטעגלעכע קעגנזײַטיקע באציִונגען מיט אנדערע מענטשן, און ער דעקט צו די מאָראלישע נידעריקײַט פון זײַנע האנדלונגען מיט א הויכקלינגענדיקער פראזעאָלאָגיע, — דאָס איז דער שטשעדרינישער פערסאָנאזש „אן אויסוווּרף אף א ריכטיקן וועג". אָט דאָס האָט מיט דער גאנצער פּרינציפּיִעלער שארפקײַט און באשטימטקײַט באטאָנט לענין, ווען ער האָט געשריבן: „...די קאריעריסטן האָבן ניט קיין אידייען, זיי ווייסן ניט פון קיין שום ערלעכקײַט"[1]. מיט סאַרקאזם האָט ער גערעדט וועגן דעם, אז „ענדערן די אייגענע אָנשויונגען ניט בלויז אין 24 שאָ, נאָר כאָטש אפילע אין 24 כאדאָשים... קאָנען בלויז מענטשן, וועלכע האָבן ניט קיין טראדיציִאָנעלע לעבנס־נאָרמעס"[2].

קיין איין עלעמענט פון דער מאָראל עקזיסטירט ניט איזאָלירט, אלע זײַנען זיי אײַנגעשלאָסן אין דער אלגעמיינער סיסטעם. די עלעמענטארע פּרינציפּן פונעם צוזאמענלעבן און די פּאָשעטע זיטלעכקײַט־נאָרמעס, וועלכע פארמאָגן אן אלמענטשלעכן כאראקטער, זײַנען ניט איזאָלירט פון די קלאסן־פארהעלטענישן, פונעם קלאסן־קערן פון דער אָדער אנדערער מאָראל־סיסטעם. מארקס, ווען ער האָט באוויזן די דאָזיקע אָפּהענגיקײַט, האָט ער אָפּגעמערקט, אז דאָס געוויסן באם רעפּובליקאנער שיידט זיך אונטער פונעם געוויסן באם ראָיאליסט; עס איז אן אנדער געוויסן בא א מענטשן א פארמעגלעכן און בא א ניט־פארמעגלעכן, בא א דענקענדיקן און א ניט־דענקענדיקן[3]. לענין האָט באטאָנט די קלאסן־דיִאלעקטיק און די אלמענטשלעכע דיִאלעקטיק, ווען ער האָט אָנגעוויזן, אז די קאָמוניסטישע מאָראל דינט דעם קאמף פאר פארפעסטיקן און פארענדיקן בויען דעם קאָמוניזם, זי דינט דער אויפגאבע, אז די מענטשלעכע געזעלשאפט זאָל זיך אויפהייבן העכער.

די קעגנזײַטיקע פארהעלטעניש צווישן דער אלמענטשלעכער מאָראל און דער קלאסן־מאָראל איז ניט סטאטיש. די קאָמוניסטישע מאָראל, אין קעגנזאץ צו דער בורזשואזער — ניט בלויז, וואָס זי שליסט אײַן אָרגאניש די געוויינלעכע זיטלעכקײַט־נאָרמעס אין דער סיסטעם פון אירע פּרינציפּן, באַרײַכערנדיק און אנטוויקלענדיק זיי, נאָר זי שטעלט זיך אויך אלס ציל

[1] В. И. Ленин. Собрание сочинений, т. 38, стр. 199.
[2] В. И. Ленин. Там же, т. 5, стр. 6.
[3] К. Маркс и Ф. Энгельс. Сочинения, т. 6, стр. 140.

צו פֿאַרוואַנדלען זיי אין פֿעסטע לעבנס־קלאַלים פֿאַר אַלע מיטגלידער פֿון דער געזעלשאַפֿט. „אונדזער קאָמוניסטישע מאָראַל, — האָט באַטאָנט ל. אי. ברעזשנעוו אויפֿן XVII צוזאַמענפֿאָר פֿון קאָמיוג, — יאַרשנט מיט רעכט און אַנטוויקלט ווײַטער די הומאַניסטישע זיטלעכקײַט־נאָרמעס, וועלכע די מענטשהײַט האָט אויסגעאַרבעט. ליבע, ערלעכקײַט, באַשיידנקײַט, דאָס גע־פֿיל פֿון אייגענער ווירדע, כּאָוועריִשקײַט, קעגנזײַטיקע אַכטונג — דאָס אַלץ זײַנען די אָרגאַנישע שטריכן פֿונעם מאָראַלישן אָנבליק פֿון דעם סאָוועטישן מענטשן”[1].

דער זין פֿון דער זיטלעכער דערציִונג באַשטייט דערין, ווי עס האָט באַטאָנט דער XXV צוזאַמענפֿאָר פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד, אַז דאָס קענען די פּאָליטיק, די טעאָרעטישע פּרינציפּן זאָל זײַן אַן אַקטיווע קענטעניש, דה״, זי זאָל פֿאַרקערפּערט ווערן אין פּראַקטישע מײַסים. „דער אײַנרײַס צווישן וואָרט און טאַט, אין וואָס פֿאַר אַ פֿאָרם דאָס זאָל זיך ניט אויסדריקן, ברענגט שאָדן אויך דער ווירט־שאַפֿטלעכער בויונג, נאָר באַזונדערס — דער זיטלעכער דערציִונג”[2].

די עקאָנאָמישע איבערגעשטאַלטונגען, די פֿאַרטיפֿערונג פֿון דער סאָ־ציִאַליסטישער דעמאָקראַטיע, דער הײַנטיקער וויסנשאַפֿטלעך־טעכנישער פּראָגרעס שטעלן אַרויס הויכע פֿאָדערונגען צו דער באַוווסטזיניקײַט, אָר־גאַניזירטקײַט און פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט פֿון די מענטשן. „אָן דיסציפּלין, — האָט באַטאָנט דער XXV צוזאַמענפֿאָר, — אָן אַ פֿעסטער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג קאָן ניט זײַן קיין שום דעמאָקראַטיע. גראָד דער פֿאַראַנטוואָרט־לעכער צוגאַנג פֿון יעדן בירגער צו זײַנע פֿליכטן, צו די פֿאָלקס־אינטע־רעסן שאַפֿט די איינציק זיכערע באַזע פֿאַר דער פֿולסטער פֿאַרקערפּערונג פֿון די פּרינציפּן פֿון סאָציִאַליסטישן דעמאָקראַטיזם, פֿון דער עמעסער פֿרײַהײַט פֿון דער פּערזענלעכקײַט”[3].

די דערציִונג פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער דיסציפּלין, דאָס אָפּהיטן מי־צאַד אַלע בירגער זייערע פֿליכטן בענעגייע דער געזעלשאַפֿט זײַנען ניט אָפּצוטיילן פֿון די ווײַטערדיקע פֿאַרפֿולקומונגען פֿון דער סאָציִאַליסטישער דעמאָקראַטיע. „...די מעלוכע, — האָט געשריבן לענין, — איז שטאַרק מיט

[1] Л. И. Брежнев. Вопросы развития политической системы советского общества, стр. 300.

[2] Материалы XXV съезда Коммунистической партии Советского Союза, стр. 77—78.

[3] Там же, стр. 85.

דער באַוווסטזיניקייט פון די מאַסן. זי איז שטאַרק, ווען די מאַסן ווייסן אַלץ, קאָנען ווענן אַלץ אורטיילן און גייען איַין אַף אַלץ באַוווסטזיניק"[1]. אין דער דאָזיקער פאָרמול איז, אין טאָך גענומען, געגעבן אַ פּרינציפּיעל נייַער אויפן פון פאַרשטיין די קוואַלן פון דער קראַפט און מעכטיקייַט פון דער מעלוכע.

אין דער גאַנצער געשיכטע פונעם פּאָליטישן געדאַנק איז ניט געווען אַזאַ שטעלונג פון דער פראַגע, ווי די, וועלכע לענין האָט געגעבן, שטיצנדיק זיך אַף דער לעבעדיקער פּראַקטיק פון דער ערשטער אין דער וועלט סאָציאַליסטישער מעלוכע פון אַרבעטער און פּויערים. די מעלוכע איז שטאַרק דערמיט, וואָס די מאַסן ווייסן ווענן אַלץ און גייען איַין אַף אַלץ באַוווסטזיניק,— אַזאַ איז דער קאַרדינאַלער לענינישער אויספיר, וואָס האָט פאַרבונדן צוזאַמען די פּראָבלעם פון דער סאָציאַליסטישער מעלוכישקייַט און די רעאַלע דעמאָקראַטיע, די רעכט און די פליכטן פונעם מענטשן, די קאָמוניסטישע דערציִונג און די געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע אַקטיווקייַט, די אַרבעטס־אַקטיווקייַט פון די מאַסן, זייער אומיטלבאַרער אָנטייל אינעם פאַרוואַלטן מיט די מעלוכישע, געזעלשאַפטלעכע און פּראָדוצירישע איניאַנים. אָט דער לענינישער פּרינציפּ איז קאָנסעקווענט דורכגעפירט אין דער נייַער קאָנסטיטוציע פון ססר, וואָס אין טאָך באַשטייַט אינעם פאַרברייטערן און פאַרטיפערן דעם סאָציאַליסטישן דעמאָקראַטיזם פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט.

דער פאַרנעם און די אויפגאַבן פון דער מאָראַלישער דערציִונג וואַקסן אויס אויך אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס אינעם באַוווסטזיניקן לעבן טרעטן אַריַין אַלץ נייַע דורות פון דער יוגנט, וועמען עס שטייט פאָר צו לערנען זיך קאָמוניזם אין נייַע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, וואָס שיידן זיך אונטער פון יענע באַדינגונגען, וועלכע זייַנען געווען אין דער פאַרגאַנגענהייַט. דער יוגנט שטייט פאָר צו באַהערשן די רייַכסטע דערפאַרונג פון די עלטערע דורות, באַקומען, ווי לענין האָט געזאָגט, „הויכע באַוווסטזיניקייַט, פעסטקייַט פונעם כאַראַקטער, אַ קלאָרן בליק אַפן ברייַטן פּאָליטישן אַרום..."[2]. די אַקטועלסטע פּראָבלעמען פון דערציִונג, בילדונג, אַרבעט און לעבן פון דער יוגנט אין די הייַנטיקע באַדינגונגען ווערט געשענקט אַ קאָלאָסאַלע אויפמערקזאַמקייַט אין די מאַטעריאַלן פון XXIII,

[1] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 35, стр. 21.
[2] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 40, стр. 15.

XXIV, XXV צוזאַמענפאָרן פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פונעם סאָוועטנפארבאנד, אין די ארויסטרעטונגען און רעדעס פון ל. אי. ברעזשנעוו פאר די קאָמיוגיסטן און דער יוגנט, אין אנדערע פארטיי־דאָקומענטן.

אַף אַן אָפּטימאַלן אויפן זײַנען דעפינירט די געהעריקע הײַנטצײַטיקע באַדינגונגען און אויפגאבן, די קאָנקרעטע פאָרמען און וועגן פון באַהעפטן די יוגנטלעכע צו דער אלפאָלקישער ארבעט, צו די סאָציאַליסטישע טראַדיציעס פון אונדזער געזעלשאפט, צום טיפן דערלערנען די רעוואָליוציאָנערע טעאָריע און פראַקטיק פונעם מאַרקסיזם־לעניניזם. דערמיט גופא ווערט געלייזט די וויכטיקסטע אידייִש־פּאָליטישע אויפגאבע, וועלכע איז פארבונדן דערמיט, וואָס יעדער דאָר טרעט צו צו דער באַווּסטזיניקער ארבעט אין געענדערטע געזעלשאפטלעכע באַדינגונגען. און די דאָזיקע באַדינגונגען זײַנען ניט סטאַטיש, נאָר דינאַמיש, זיי שיידן זיך אונטער פון יענע, וועלכע זײַנען געווען מיט 10, 20, 30 יאָר צוריק. לענין האָט שטענדיק געוואונדט די אויפמערקזאַמקײַט אַף דעם, אַז די פאָרמען און מעטאָדן פון דערציִען דעם יונגן דאָר דאַרפן אַנטשפּרעכן די אָביעקטיווע געזעלשאפטלעכע באַדינגונגען און באַדערפענישן.

„אונדזער דאָר, — האָט ער געשריבן, — איז שווערער איידער אונדזערע טאַטעס. אָבער אין איין הינזיכט זײַנען מיר א סאַך גליקלעכער פון אונדזערע טאַטעס. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט און לערנען זיך שנעל אויס צו קעמפן, — און קעמפן ניט בעיעכידעס, ווי עס האָבן געקעמפט די בעסטע פון די טאַטעס, ניט לעשעם די לאָזונגען פון די בורזשואזע שיינרייטער, לאָזונגען, וועלכע זײַנען אונדז אינערלעך פרעמד, נאָר לעשעם די אייגענע לאָזונגען פונעם אייגענעם קלאַס. מיר קעמפן בעסער איידער אונדזערע טאַטעס. אונדזערע קינדער וועלן קעמפן נאָך בעסער, און זיי וועלן זיגן"[1].

די לענינישע אויפגאבע — „ערשטנס — לערנען זיך, צווייטנס — לערנען זיך און דריטנס — לערנען זיך"[2] — טראָגט פאר דער יוגנט א פּראָגראַם־כאַראַקטער, וועלכער ווערט רעאַליזירט אין קאָנקרעטע ספּעציפישע פאָרמען אַף יעדן עטאַפּ פון דער געזעלשאפטלעכער אַנטוויקלונג. דעם יונגן דאָר שטייט פאָר קוידעמקאָל צו באַהערשן די פאָריקע סאָציאַלע דערפארונג. „...די יונגע ארבעטער, — האָט לענין אָנגעוויזן, — איז נייטיק

[1] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 23, стр. 256.
[2] В. И. Ленин. Там же, т. 45, стр. 391.

די דערפאַרונג פון די אַלטע קעמפער קעגן אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע, פון די קעמפער, וועלכע האָבן דורכגעפירט א סאַך שטרײַקן, אָנטיילגענומען אין א ריי רעוואָלוציעס, זײַנען באַרײַכערטע מיט טיפזיניקע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס און מיט ברייטער פּאָליטישער וועלטאָנשויונג"[1].

אין די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס, אין די טראַדיציעס פונעם סאָציאַליזם איז אַקומולירט א פּרינציפּיעל נײַע סאָציאַלע דערפאַרונג, און באַהערשן זי איז אַן אויפגאַבע, וואָס טראָגט א שעפערישן כאַראַקטער. די אָנגעזאַמלטע דערפאַרונג דאַרף אויסגענוצט ווערן אין די נײַע היסטאָרישע באַדינגונגען, און ווען עס גייט א רייד וועגן באַהערשן די טראַדיציעס, שטייט פּראַקטיש קוידעמקאָל די פראַגע וועגן דעם אינהאַלט פון דער דערפאַרונג, ניט וועגן אירע אויסערלעכע פאָרמען, וועגן דעם, וויאַזוי אויסנוצן זי אין די נײַע, געענדערטע געזעלשאַפטלעכע אומשטענדן. עס איז אוממעגלעך צו עקסטראַפּאָלירן מעכאַניש די טראַדיציע אויף א נײַער קאָנקרעטער סיטואַציע. די טראַדיציע לעבט, אויב זי ווערט באַרײַכערט און אַנטוויקלט אויפן סמך פון לייזן נײַע אויפגאַבן. און דאָס עצם לייזן די נײַע אויפגאַבן קאָן ניט פאָרקומען לויט אַן אַנאַלאָגיע, עס מוז וויסנשאַפטלעך באַזיניקט ווערן סײַ די נײַע סיטואַציע, סײַ די אָנגעזאַמלטע דערפאַרונג.

צומאָל קאָן מען זיך אָנטרעפן מיט אַזאַ מין צווייפלען: „צי איז די הײַנטיקע יוגנט א גוטע אָדער א שלעכטע?" — און עס גייט אַוועק א לעבהאַפטיקע פּאָלעמיק. דוכט זיך, אַז די עצם שטעלונג פון דער פראַגע אין אַזאַ פאָרם איז פון שטאַנדפּונקט פונעם וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג ווייניק באַגרינדעט, און פּראַקטיש גיט זי נאָך ווייניקער. זי לײַדט אויף אַבסטראַקטער מאָראַליזירונג, זי איגנאָרירט די קאָנקרעטע באַדינגונגען — די סאָציאַלע, עקאָנאָמישע, וויסנשאַפטלעך־טעכנישע און קולטור־שטייגערישע, אין וועלכע יעדער דאָר טרעט ארײַן אינעם געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן, אינעם אַרבעטס־לעבן.

יעדער דאָר טרעפט א באַשטימטע סומע פּראָדוציר־קרעפטן, א באַשטימטן אַנטוויקלונגס־ניוואָ פון דער וויסנשאַפט און טעכניק, פון דער קולטור, פון די טראַדיציעס, דערפאַרונג, געוווינהייטן אַד״ג., א קאָנקרעטע

---

[1] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 14, стр. 226.

געזעלשאפטלעך־פּאָליטישע אטמאָספער, וועלכע ער זאפט אין זיך איַין, אין וועלכער ער פאָרמירט זיך. דעם יונגן דאַר שטייט פאָר קוידעמקאָל צו באהערשן יענע סומע געזעלשאפטלעכע ריַיכטימער, וועלכע זיַינען אָנגעזאמלט, אים שטייט פאָר סאָציאַל צו אדאָפטירן זיך. אינעם לייזן די דאָזיקע אופגאבן שפּילט אן אקטיווע ראָליע די אידייִש־פּאָליטישע בילדונג פון דער יוגנט. אָן די אנדערע טעאָרעטישע קענטענישן זיַינען אומעגלעך סיַי א באזיניקטע באציִונג צום לעבן און זיַינע ווערטן, סיַי די קענטשאפט ריכטיק צו פאנאנדערקליַיבן זיך אין דער קאָמפּליצירטער און ווידערשפּרעכלעכער אנטוויקלונג פון די געשעענישן, סיַי אויסארבעטן פעסטע פּרינציפּן פון דער וועלט־אָנשויונג.

מיטן פארוואנדלען דעם סאָציאַליזם פון אן אוטאָפּיע אין א שטרענגער וויסנשאפטלעכער טעאָריע איז אף א ניַיעם אויפן געשטעלט געוואָרן די פראגע אויך וועגן דערלערנען אים. מע דארף באמערקן, אז דער כאראקטער פון דער אידעאָלאָגיע באשטימט דעם אויפן פון דערלערנען און באהערשן זי. דעם וויסנשאפטלעכן אינהאלט פון דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע קאָן מען באהערשן בלויז דאן, ווען די עצעם טעאָריע דערשיַינט ניט אין דער פאָרם פון א פארטיקער „קענטעניש", נאָר אלס א לערע, וואָס אנטוויקלט זיך שעפעריש, אלס א טעאָריע און א מעטאָדאָלאָגיע, וואָס איז פייִק צו שטעלן און לייזן די אופגאבן פונעם היַינטיקן און אויך פון דעם מאָרגעדיקן טאָג.

מארקס האָט אויסגעלאכט די דאָגמאטישע אופּאסונגען פון דער וויסנשאפט. „וואָס וועט מיר געבן א סוביעקט, וואָס קען די גאנצע מאטעמאטישע ליטעראטור, נאָר ער פארשטייט ניט קיין מאטעמאטיק?.. זיַין וועזנטלעכע אייגנשאפט איז דאָס, וואָס ער פארשטייט ניט די עצעם פראגן און דעריבער באשטייט אין טאָך זיַין עקלעקטיזם בלויז אין אָנשלעפּן פון אומעטום שוין פארטיקע ענטפערס"[1].

עס איז, הייסט עס, ווייניק צו קענען די מאטעמאטישע ליטעראטור, מע דארף נאָך פארשטיין מאטעמאטיק, דה. דעם שעפערישן גיַיסט פון דער עצעם וויסנשאפטלעכער דערקענטעניש. דאָס איז ניט אין קיין קלענערער מאָס שיַיך צו דער סאָציאַלער קענטעניש. מע קאָן ניט ניט מאסקים זיַין מיטן פּובליציסט ע. וו. איליענקאָוו, וועלכער האָט געשריבן: „אָפט קאָן מען

[1] К. Маркс и Ф. Энгельс. Сочинения, т. 30, стр. 518.

טרעפן אַזאַ מענטש, וואָס איז צוגעוווינט צו אַרבעטן לויטן שטאַמפּ, לויט א פאַרטיקן רעצעפּט פון א „טיפּאָלאָגישער לייזונג", און ער פאַרלירט זיך אין יענע פאַלן, ווען מע פאָדערט פון אים געבן א זעלבשטענדיקע (שעפערישע) לייזונג. דערפאַר האָט ער אויך „ניט ליב" קיין ווידערשפּרוכן. ער באַמיט זיך אויסמײַדן זיי, פאַרשמירן, אומקערן זיך צוריק צו די אויסגעטראָטענע, רוטינע סטעזשקעס. און ווען כאָס־ווּעכאָלילע די ווידערשפּרוכן באַווײַזן זיך נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל, פאַלט אַזאַ מענטש אַרײַן אין א היסטעריק גראָד דאָרט, וווּ מע דאַרף דענקען"[1].

ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרן אויבן, שטייט פאַר דער יוגנט די אויפגאַבע צו באַהערשן באַשטימטע געזעלשאַפטלעכע נאָרמעס און באַהעפטן זיך צו א באַשטימטן סאָציאַלן טיפּ לעבנסטעטיקײַט, צו א באַשטימטן לעבנס־אויפן. עס איז גוט באַוווּסט דאָס אַלטע שפּריכוואָרט: „וועגן גוסטן שטרײַט מען ניט". אָבער די גוסטן, ווי ווײַט אינדיווידועל זיי זאָלן ניט זײַן, טראָגן אַף זיך שטענדיק א געזעלשאַפטלעכן כויסעם. לעבן אין א געזעלשאַפט און זײַן פרײַ פון די געזעלשאַפטלעכע נאָרמעס איז אוממעגלעך. עס איז ניט **צופעליק**, וואָס די אימפּעריאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע באַמיט זיך מיט אַזויפיל אַקשאָנעס אָנצובינדן דער יוגנט פון די סאָציאַליסטישע לענדער די „גוסטן", וועלכע הערשן אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, אירע אַנטיהומאַנישע זײַטן, אַרויסשטעלנדיק זיי אַלס א מאָדערנעם אויפפירונג־סטיל פונעם יונגן דאָר.

אייניקע פּובליציסטן, וועלכע באַהויפּטן ריכטיק, אַז עס ברענגט ניט קיין עפעקט די אַדמיניסטראַטיווע אַרײַנמישונג אין דער ספער פון פאָרמירן די גוסטן לאָזן אָבער אַרויס פון אויג א צווייטן אומשטאַנד, אַז די גוסטן ווערן אויסגעאַרבעט און זײַנען אין פיל הינזיכטן אָפּהענגיק פון דער דערציִונג. אָפּזאָגן זיך פון אַדמיניסטראַטיווע מאָסמיטלען באַטײַט ניט, אַז די געזעלשאַפט מעג זײַן נייטראַל, ניט אָנטיילנעמען אינעם פאָרמירן די גוסטן פון די אונטערוואַקסנדיקע דורעס. דעריבער איז זייער וויכטיק, אַז די זיטלעכע פאָרמירונג פון דער פּערזענלעכקײַט זאָל זיך אָנהייבן וואָס פריִער, קעדיי דער מענטש זאָל פון די פריִע יאָרן דערצויגן ווערן אינעם גײַסט פון אַכטונג צו אַרבעט און צו אַנדערע מענטשן, אין גײַסט פון כאַ־

---

[1] Э. В. Ильенков. Об идолах и идеалах. М., 1968, стр. 168.

ווערישקייט, ערלעכקייט און לייטישקייט, פון פארשטייו, אז אין דער סאָ־ציאַליסטישער געזעלשאַפט זיינען ניטאָ קיין רעכט אָן פליכטן.

די פראַגן וועגן אידייאיש פארהאַרטעוועט דעם יונגן דאַר ווערן געלייזט אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אין באַדינגונגען פון אַ שאַרפן אידעאָלאָגישן קאַמף אַף דער צווישנפעלקערלעכער אַרענע. די יוגנט־פּראָבלעמען זיינען ניט צופעליק געוואָרן אַן אָביעקט פון ספּעקולאַציעס פון די בורזשואַזע אידעאָלאָגן, און די יוגנט גופא — אַן אָביעקט פון מאַסנ־ווייזער אויפווירקונג פון אַלע עשעלאָנען פון דער בורזשואַזער פּראָפּאַגאַנ־דע.

די פאַרשאַרפונג פון די ווידערשפרוכן פונעם הײַנטיקן קאַפּיטאַליזם, די פינאַנצדעווויקלונג פון דער מאָדערנער וויסנשאַפטלעך־טעכנישער רע־וואָליוציע אין אַן אַטמאָספער פון עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אויפטרייסלונ־גען פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט — דאָס אַלץ האָט געשטעלט פאַר דעם יונגן דאַר די פּראָבלעם פון סאָציאַלן אָפּקלײַב, די פּראָבלעם פון באַ־שטימען זײַן פּאָזיציע און די אויפירונג־ליניע אין די קאַרדינאַלסטע פּראָב־לעמען: מילכאָמע און שאָלעם, סאָציאַלער פּראָגרעס, וויאַזוי אויסנוצן די דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט און טעכניק, אַוועלכע זײַנען די געזעל־שאַפטלעכע פונקציעס פון קונסט און ליטעראַטור, וואָס איז דער זין פון מענטשס לעבן, פון זײַן אַרבעט און טעטיקייט, וויאַזוי אָפּשאַצן די ווערטן פון מאָראַל און קולטור.

די דאָזיקע פּראָבלעמען זײַנען ניט בלויז „יוגנטלעכע”. אַרום זיי גייט דער אידעאָלאָגישער קאַמף, ווו יעדער קלאַס איז פאַרינטערעסירט, אַז דער יונגער דאַר זאָל שטיין אַף זײַן זײַט. די יוגנט שטעלט מיט זיך, נאַ־טירלעך, ניט פאַר עפּעס אַזוינס, וואָס איז סאָציאַל איינאַרטיק, ווי ס׳באַ־מיען זיך מיט אַלע קויכעס פאַרצושטעלן עס די בורזשואַזע און די רעוויזי־אָניסטישע אידעאָלאָגן. אין איר סאָציאַלער דיפערענציאַציע כאַזערט איבער די יוגנט אין גרונט די קלאַסן־סטרוקטור פון דער קאַפּיטאַליסטישער גע־זעלשאַפט, אירע ווידערשפרוכן.

ניט צופעליק קומען פאַר אין דער הײַנטיקער קאַפּיטאַליסטישער גע־זעלשאַפט די שאַרפסטע קאָליזיעס צווישן די דורות. די בורזשואַזע אי־דעאָלאָגן, זײַענדיק געצוווּנגען צו אַנערקענען די רעאַליטעט פון די דאָזי־קע קאָליזיעס, שטרעבן, ערשטנס, אָפּצופירן די עפנטלעכע מיינונג אַף זײַטיקע דערשײַנונגען, אַרויסשטעלנדיק אין פאָדערגרונט די קאָלעראַליי

„סקאַנדאַליעזע" פּראָטעסט־פאָרמען פון אַ טייל יוגנט קעגן דעם בורזשואזן לעבנס־אויפן; צווייטנס, מײַדן זיי זאָרגזאַם אויס די סאָציאַלע סיבעס פונעם קאָנפליקט צווישן די דורות אין די באַדינגונגען פונעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם, סטאַרענדיק זיך צו דערקלערן אַלץ מיט דעמאָגראַפישע, פּסיכאָלאָגישע און ביאָלאָגישע פאַקטאָרן, געגומענע אָן שום שײַכעס מיט די סאָציאַלע באַדינגונגען.

דאָס באַשטימען, וועלכע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס עס זאָלן פאַרנעמען פאַרשיידענע שיכטן פון דער יוגנט איז אין אַן אַנטשיידענער מאָס אָפּהענגיק פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער לאַגע. דאָס קומט אָבער פאָר ניט אויטאָמאַטיש. אַ סאַך איז דאָ אָפּהענגיק פונעם ניוואָ פון באַוויסיקן די אייגענע לאַגע, פונעם אידעאָלאָגישן אײַנפלוס פון די אָדער אַנדערע קלאַסן. דערצו דאַרף מען נעמען אין אַכט די געוויסע פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע אומדערפאַרנקײַט פון דער יוגנט, די אָפּוועזנהײַט פון דער נייטיקער קלאַסן־ און לעבנס־דערפאַרונג.

וואָס אָנבאַלאַנגט די עפּאַטירנדיקע (איבעראַשנדיקע, סקאַנדאַליעזע) אויפירונג־פאָרמען, שטעלן זיי מיט זיך פאָר איינע פון די פאָרמען פונעם אונטערגאַנג פון דעם בורזשואזן לעבנס־אויפן, איינעם פון די פּראָדוקטן פון זײַן צעפוילונג. דאָס איז ניט קיין נײַס אין דער געשיכטע. מאַרקס האָט באַמערקט, „אַז דער פּראָטעסט קעגן דער אונטערגייענדיקער געזעלשאַפטלעכער סיסטעם קאָן אָננעמען די פאָרם פון צעלאָזענער פּריוואַליטעט (לײַכטזיניקײַט). די טרעגער פון אַזאַ פּראָטעסט פאַרשטייען און לאַכן אויס די עקזיסטירנדיקע פּוסטע אידייענלאָזיקײַט, אָבער בלויז צוליב דעם, קעדיי נאָכן אראָפּוואַרפן פון זיך אַלע פּאַרנינפּטיקע און זיטלעכע נאָרמעס, פאַרווײַלן זיך מיטן בילד פון צעפוילונג און צעפאַלונג, און, געפינענדיק זיך אונטער דער מאַכט פון דער אַלגעמיינער צעפוילונג, גיין אַנטקעגן דעם אייגענעם אומקום".[1]

אָט די באַמערקונג פון מאַרקסן העלפט אונדז זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין ענלעכע דערשײַנונגען, וועלכע האָבן אין די לעצטע יאָרצענדליקער באַקומען אַ ברייטע פאַרשפּרייטונג אינעם לעבן פון דער בורזשואזער געזעלשאַפט. קוידעמקאָל דאַרף מען באַטאָנען, אַז אַזעלכע „פּראָטעסט"־פאָרמען פאַרמאָגן ניט אין זיך קיין רעוואָליוציאָנערישקײַט; זיי זײַנען קליינ־

[1] К. Маркс и Ф. Энгельс. Сочинения, т. 1, стр. 88.

בירגערלעך סײַ לויטן טאָך, סײַ לויט דער פאָרם. אויב ריידן וועגן דעם סאָציאַלן כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן „פּראָטעסט", איז דאָס אַ טיפּיש קליינבירגערלעכע רעאַקציע, וואָס טרעט מיט די פיס ניט אַזוי די בורזשואַזע פאָראַנדקעס, וויפל די עלעמענטאַרע נאָרמעס פון זיטלעכן און מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. ניט צופעליק ווערט אַזאַ אופירונג קולטיווירט און אונטערגעהאַלטן מיט אַלע מיטלען דורך דער בורזשואַזער פּראָפּאַגאַנדע. כוץ דעם, איז עס געוואָרן איינער פון די צוגאָבלעכע האַכנאָסעקוועלן פון אַ סאַך פירמעס, וועלכע סטימולירן און צעצינדן די צעלאָזענע לײַכטזיניקײַט, עקספּלואַטירן זי, קעדיי באַקומען העכערע רעוואָכים פון דער הײַנטיקער „פאַרווײַלונג־אינדוסטריע".

עס האַנדלט זיך אָבער ניט בלויז אין דער קאָמערציעלער זײַט פון דער זאַך. דער הערשנדיקער קלאַס פאַרמאָגט ניט ווייניק ערנסטע מאָטיוון: סאָציאַלע און פּאָליטישע. די מאָנאָפּאָליסטישע בורזשואַזיע מיט איר רײַכער קלאַסן־דערפאַרונג, מיט איר קענען לאַווירן, פאַרשטייט גוט, אַז אַזעלכע פּראָטעסט־פאָרמען באַרירן ניט קיין שום יעסוידעס פון איר הערשאַפט, אַדרעבע, זיי לוינען איר, ווײַל זיי דערלויבן אָפּצוציִען פון די רעאַלע פּראָבלעמען אַ טייל יוגנט, אַ טייל פון דער עפנטלעכער מיינונג. אויסנוצנדיק די עפנטלעכע מיינונג קעגן אַזעלכע עפּאַטירנדיקע אופירונג־פאָרמעס, שטרעבט זי גלײַכצײַטיק מאַכן אַ פּרוּוו צו דיסקרעדיטירן די בעעמעס רעוואָליוציאָנערע מאָראַל און אידייען.

די געשיכטע האָט געגעבן איבערצײַגנדיק באַווייזן, אַז די יוגנט־גרופּעס, וואָס האָבן ניט קיין סאָציאַלע אָריענטאַציע, ווערן אַ לײַכטע פאַנג פאַר די קאָלערליי פּסעוודאָרעוואָליוציאָנערע און פאַשיסטישע שטרעמונגען, וועלכע ווילן אויסנוצן אין זייערע צילן דעם אידייִש און מאָראַליש דעזאָריענטירטן טייל פון דער יוגנט. מע דאַרף אויך ניט פאַרגעסן, אַז אונטערן פלאַג פון אײַנפירן אָרדענונג, אויסבעסערן די זיטן, פאַרגרעסערט די מאָנאָפּאָליסטישע בורזשואַזיע אירע שטראָף־קרעפטן, קעדיי באַפאַלן די בעעמעס רעוואָליוציאָנערע און פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס, אויסשליסן דעם יונגן דאָר פונעם אַקטיוון אָנטייל אינעם געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן.

די אידעאָלאָגישע טעטיקײַט אין די באַדינגונגען פונעם אַנטוויקלטן סאָציאַליזם טיילט זיך אויס מיטן וואַקסנדיקן פאַרנעם פון די קולטור־דערציִערישע אויפגאַבן. עס האַנדלט זיך וועגן אויסנוצן מאַקסימאַל יענע מעג־

לעכקײַטן, װעלכע זײַנען, אדאנק דער קענטעניש און קולטור, א קװאל, װאָס פארגיכערט די פּראָגרעסיװע אנטװיקלונג אין אלע ספערן פונעם געזעלשאפטלעכן לעבן.

לענין האָט אײַנגעזען אין די קענטענישן די העכסטע מענטשלעכע װירדע. ער האָט אָבער גערופן צו לערנען זיך ניט פּאָשעט צוליב דעם, קעדײ אָנזאמלען קענטענישן. „לערנען זיך ארבעטן", „לערנען זיך פאר־װאלטן", „לערנען זיך דעם קאָמוניזם" — אזױ האָט לענין פאָרמולירט די אופגאבע, פארבינדנדיק די בילדונג, דאָס באהערשן די קענטענישן און די קולטור מיטן לײזן די קאָנקרעטע פראגן פון דער סאָציאליסטישער בױונג. דאָרט, װו עס פארײניקן זיך אָרגאניש די קולטור פון דענקען און פון ארבעט, די קולטור פון פארװאלטן און די קולטור פון מענטשלעכע קעגנ־זײַטיקע באציונגען, דאָרט איז געזיכערט דער פאָרױסגאנג פונעם מענטש־לעכן פּראָגרעס.

די אידעאָלאָגיע און
די קולטור־היסטאָרישע טראַדיציע

דער מאַרקסיזם לערנט, אַז קולטור איז ניט פּאַשעט אַ דערשײַנונג פֿונעם באַוווּסטזײַן, נאָר אַ באַשטימטער טיפּ פֿונעם מענטשנס טעטיקײַט, וועלכער טראָגט אַ שאַרף אויסגעשפּראָכענעם סאָציאַלן כאַראַקטער. דאָס איז שוין ניט בלויז אַ פֿאָרם פֿון פֿאַרשטײן די רעאַלע וועלט, אַ סומע קענטענישן אאַז״וו., נאָר אויך אַ ספּעציפֿישע פֿאָרם, אַ טיפּ פֿון דער סאָציאַלער טעטיקײַט, וואָס איז פֿאַרקערפּערט אין דער קולטור פֿון דער אַרבעט, פֿון דער פּראָדוקציע, אינעם כאַראַקטער פֿון די קעגנזײַטיקע באַציִונגען צווישן די מענטשן און איז פֿאַרפֿיקסירט אין די נאָרמעס און קלאָלים פֿונעם צוזאַמענלעבן, פֿון די טראַדיציעס, געוווינהײַטן. אויף אַזאַ מין פֿאַרשטײן די ספּעציפֿיק פֿון דער קולטור האָט געמאַכט אויפֿמערקזאַם לענין, ווען ער האָט אָנגעוויזן, אַז פֿאַר קולטור קאָן מען האַלטן אַזוינס, וואָס איז פֿעסט דעראָבערט און דערגרייכט, בלויז דאָס, וואָס איז שוין געוואָרן אַ געוווינהייט, אַ דעטאַל פֿונעם לעבנסשטייגער, ווען ער האָט אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער קולטור געזען איינס פֿון די שטאַרקסטע קעגנווירקונגען קעגן ביוראָקראַטישע פֿאַרקריפּלונגען.

פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון זאַכלעך־פּראַקטישן פֿאַרשטײן די קולטור אַלס אַ ספּעציפֿישע פֿאָרם פֿונעם מענטשנס לעבנס־טעטיקײַט ווערט נאָך מער קלאָר די וואַקסנדיקע באַדײַטונג פֿון דער קולטור אינעם לעבן פֿון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט. פֿון דעם, ווי עס ווערן געלייזט די קולטור־אויפֿגאַבן, איז אָפּהענגיק אויך די עפֿעקטיווקײַט פֿון דער פּראָדוקציע. דאָס האָט באַטאָנט ל. אי. ברעזשנעוו אין זײַן פֿאַרטראָג אויפֿן יוני־פּלענום (1978) פֿונעם צק פֿון דער פּאַרטיי.

די גײַסטיקע רײַכקײַט פֿון דער געזעלשאַפֿט, דער פּאָטענציאַל פֿון איר קולטור — דאָס איז די ריכטיקע מאָס פֿון דער פֿרײַער אַנטוויקלונג פֿון דער געזעלשאַפֿט, דער באַוויז, ווי פּראָגרעסיוו עס איז די אידעאָלאָגיע, וועלכע הערשט אין איר. די צוגרייטונג צו דער רעוואָלוציע, דערנאָך די

סאָציאַליסטישע בויונג האָבן געפאָדערט פון דער פאַרטיי, זי זאָל פאַנאַנדעראַרבעטן אַ פאַרגאַנצטע פּראָגראַם אין די פראַגן פון דער קולטור־בויונג, זי זאָל באַשטימען אירע פּאָזיציעס אין אַ ריי פונדאַמענטאַלע פראַגן וועגן דער קעגנזײַטיקער פאַרהעלטעניש צווישן דער אידעאָלאָגיע און קולטור. די דאָזיקע פּראָבלעם האָט לענין געשטעלט און געלייזט לאַכלוטן ניט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ברייטער רעקלאַמע פון דער פּראָפּאַגאַנדע פון די טעאָרעטיקער פון דער „פּראָלעטאַרישער קולטור״.

ניט באָגדאַנאָוו און ניט פּלעטניאָוו זײַנען ניט געווען די ערשטע, וועלכע האָבן באַוויגן לענינען צו פאַרטראַכטן זיך איבער דער פראַגע, וואָס איז אַזוינס קולטור־טראַדיציע, וועלכע קולטור־טראַדיציעס פון דער פאַררעוואָליוציאָנערער געזעלשאַפט דאַרפן אָפּגעוואָרפן ווערן און וועלכע דאַרפן זיך פאַרהיטן אין דער זיך בויענדיקער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. דער שטודיום פון אַלע לענינס ווערק באַווײַזט, אַז לענין האָט נאָך לאַנג, איידער עס האָבן זיך באַוויזן די ווערק פון די באָגדאַנאָווצעס, געהאַט אַ דורכגעטראַכטע סיסטעם אָנשויונגען, וועלכע האָט דעפינירט דעם באַגריף קולטור־טראַדיציע, ער האָט אויך אויסגעאַרבעט דעם קריטעריִ, וואָס דערלויבט צו לייזן די פראַגע וועגן אײַנרײַסן מיט דער קולטור־טראַדיציע און וועגן דער ירושעדיקײַט אין דער אַנטוויקלונג פון די קולטור־טראַדיציעס. טאַקע אַזאַ שטעלונג פון די קולטור־פּראָבלעמען, אײַנגעשלאָסן די פראַגע וועגן טראַדיציע און ירושעדיקײַט, אַ שטעלונג, וואָס איז געגעבן אין אַ ברייטן היסטאָרישן און סאָציאַלן פּלאַן, וועלכע שטיצט זיך אויפן אַלזײַטיקן שטודיום פון דער לענינישער ירושה (און ניט בלויז אויף לענינס פּאָלעמיק מיט די „פּראָלעטקולטאָווצעס״), איז איבערצײַגנדיק, לעהייפּעך צום פראַגמענטאַרן צוגאַנג צו אַזאַ קאָמפּליצירטער פראַגע.

לענינס קוק אויף דער אידעאָלאָגיע, ווי אויף אַ וויסנשאַפטלעכער סיסטעם, האָט אײַנגעשלאָסן אין זיך אויך די פראַגע וועגן טראַדיציע, ווײַל קיין שום סיסטעם פון וויסנשאַפטלעכע אָנשויונגען קאָן ניט אויפקומען אויף אַ פּוסט אָרט, אין אַ זײַט פונעם ברייטן שליאַך פון דער וועלט־ציוויליזאַציע און פון די גײַסטיקע אוצרות, וועלכע די מענטשהײַט האָט אָנגעזאַמלט. די געשיכטע פונעם אויפקום פון דעם מאַרקסיזם איז אַ לעבעדיקער ביישפּיל דערפון. יעטווידע רעוואָליוציע איז דיאַלעקטיש. פון איין זײַט, אַן אײַנרײַס מיט דער טראַדיציע, פון דער צווייטער זײַט, די פאָרזעצונג פון דער טראַדיציע, איר אַנטוויקלונג און באַרײַכערונג. די קאָנקרעטע לייזונג

פון אָט דער פראַגע פאָדערט אַן אינהאַלטסרײַכן צוגאַנג צו דער עצם היסטאָרישער טראַדיציע, קלאָר מאַכן איר כאַראַקטער און ראָליע אין דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג.

ווען מאַרקס האָט געשריבן וועגן דער טראַדיציע אַלס אַ קאָשמאַר, וואָס דריקט אויף די מוֹיכעס פון די לעבעדיקע, איז געגאַנגען אַ רייד וועגן טראַדיציע, וועלכע טרעט אַרויס אין אָט דער קאָנקרעטער ראָליע אירער אַלס אַ רוטין, אַלס אַ מיטל צו קאָנסערווירן די אָפּגעלעבטע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען, אַלס איינס פון די מיטלען פון דער גײַסטיקער דיקטאַטור פונעם עקספּלואַטאַטאָרישן קלאַס, וואָס איז פאַרינטערעסירט אין איר שטענדיקער רעפּראָדוקציע. האָבנדיק קאָנקרעט אַנאַליזירט דעם קלאַסנקאַמף אין פראַנקרײַך אין די יאָרן 1848—1852, האָט מאַרקס באַוויזן, ווי די טראַדיציע — אַ רוטין, וואָס איז געוואָרן אַ מיטאָס, האָט געבראַכט צו דער מאַכט לוי באָנאַפּאַרטן. ניט קיין לעצטע ראָליע האָבן דאָ געשפּילט די אָבערגלויבענישן פונעם פראַנצויזישן פּויערטום, וואָס האָט אין זײַן באַוווסטזײַן געשטעלט באַנאַנד צוויי באָנאַפּאַרטן. אויף דער געפאַר פון אַזעלכע אָבערגלויבענישן, אויף דער מעגלעכקײַט צו אויסנוצן זיי אין די סאַמע רעאַקציאָנערע צילן האָט ניט איין מאָל אָנגעוויזן לענין. קעדיי אויפשטעלן אין רוסלאַנד די מאַכט פונעם קאַפּיטאַל, האָט לענין געזאָגט באַלד נאָכן אָקטיאַבער, וועט די קאָנטררעוואָליוציע פּרוּוון שטיצן זיך אויפן פּויערס אָבערגלויבן, קעגן דעם פּויערס סייכל[1].

די אָבערגלויבענישן זײַנען באַזונדערס געפערלעך אין איבערבראָךעפּאָכעס, ווען דאָס נײַע איז ניט זעלטן שוואַכער פונעם אַלטן, ווען אינעם מאַסן־באַוווסטזײַן האָבן נאָך ניט גענוג קלאָר אויסגעקריסטאַליזירט זיך די נײַע געזעלשאַפטלעכע טענדענצן. אַזאַ סיטואַציע קומט אויף, לויט לענינס אָפּשאַצונג, דעמלט, ווען די גאַנצע אַלטע אָרדענונג האָט זיך „איבערגעקערט”, און ווען די מאַסע, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין דער דאָזיקער אַלטער אָרדענונג, האָט מיט דער מאַמעס מילך אײַנגעזאַפּט אין זיך די פּרינציפּן, געוווינהײַטן, טראַדיציעס, גלויבונגען פון דער דאָזיקער אָרדענונג, זעט ניט און קאָן ניט זען, וואָס פאַר אַ פּאָנעם האָט די נײַע אָרדענונג”[2]. אין אָט דער פאַנאַנדערגעוויקלטער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער כאַ־

[1] В. И. Ленин. ПСС, т. 38, стр. 362.
[2] В. И. Ленин. ПСС, т. 20, стр. 102.

ראַקטעריסטיק גייט בא לענינען אַ רייד וועגן דער לאַגע פונעם פּאַטריִאַרכאַלן פּויערטום אין די באַדינגונגען פון רוסלאַנד נאָך דער רעפאָרם. עס איז אָבער קיין ספק ניט, אַז די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק טרעט אַרויס פון די ראַמען פון אָפּשאַצן בלויז די קאָנקרעטע היסטאָרישע סיטואַציע און האָט אַן אַלגעמיין־מעטאָדאָלאָגישע באַדײַטונג פאַרן שטודיִום פונעם געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזײַן און פון דער פּסיכאָלאָגיע פון יעטווידער „איבערבראָך־עפּאָכע“. גראָד אין די פּעריִאָדן פון סאָציִאַלן איבערבראָך און אופטרייסלונגען, ווען עס באַווײַזט זיך עפּעס נײַס, וואָס בינדט זיך ניט מיט די גלויבונגען און פּרינציפּן, וועלכע זײַנען אויסגעפורעמט געוואָרן באַם פריִערדיקן לעבנס־סיידער, ווערן אינעם מאַסן־באַוווסטזײַן אַקטיווירט אָבערגלויבנס, וועלכע נעמען אָפּט אָן די פאָרם פון מיטאָסן, פון אידעאַליזירן די גאַנצע פאַרגאַנגענהײַט, פון אַפּאָלאָגעטישער באַציִונג צו אַלץ, וואָס עס איז געווען.

פון שטאַנדפּונקט פונעם קלאַסנקאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט און פון די אופגאַבן צו בויען אַ נײַע געזעלשאַפט איז בײַקומען אַזעלכע קאָנסערוואַטיווע און אַפילע רעאַקציִאָנערע טראַדיציעס איינע פון די דערציִונג־אופגאַבן, אַ נייטיקער באַדינג פאַרן זיג פון דער סאָציִאַליסטישער אידעאָלאָגיע אינעם באַוווסטזײַן פון די ברייטסטע מאַסן. „מע דאַרף בײַקומען די קאָלאָסאַלע קראַפט פון געוווינהײַט און אינערץ...“[1] — אַזוי האָט לענין געשריבן אין די ערשטע יאָרן פון דער סאָוועטנמאַכט, באַטאָנענדיק די גאַנצע קאָמפּליצירטקײַט און שווערקײַט פון אָט דער אַרבעט.

דער מאַרקסיסטישער שטאַנדפּונקט איז אין דער זעלבער צײַט ניט קיין אַנטיטראַדיציִאָנעלער. אין דער טראַדיציע קומט פאָר די אָנזאַמלונג און פאַרפעסטיקונג פון דער געזעלשאַפטלעכער דערפאַרונג, דעריבער קאָן זי דינען די אופגאַבן פון הײַנטיקן טאָג און פון דער צוקונפט. די טראַדיציע, וועלכע קאָן זיך אַנטוויקלען, באַרײַכערן, באַנײַען, — דאָס איז יענע לעבעדיקע טראַדיציע, וואָס אָן איר קאָן מען זיך ניט פאָרשטעלן קיין יערושעדיקײַט אין דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, אָן איר קאָן ניט זײַן קיין שום סאָציִאַלער פּראָגרעס, דערונטער אויך אַ פּראָגרעס פון דער סאָציִאַליסטישער געזעלשאַפט. אָט אַזוי האָט אין פּרינציפּ געשטעלט די פראַגע מאַרקס. די דאָזיקע מאַרקסיסטישע שטעלונג פון דער פראַגע האָט פאַנאַנדערגעוויקלט לענין נאָך אין דער פּאָלעמיק מיט די ליבעראַלע פאָלקיסטן.

[1] В. И. Ленин. ПСС, т. 39, стр. 15.

אין גאנג פון אָט דער פּאָלעמיק האָט לענין באַוויזן, אַז אַלס פאָרשטייער און פאָרזעצער פון דער רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישער יערושע טרעט אַרויס די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

די ליבעראַל־פּאָלקיסטישע פּראַזע, אַז די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן זאָגן זיך אָפּ „פון דער יערושע״, אַז זיי רײַסן איבער מיט די טראַדיציעס פונעם בעסטן, פונעם פאָרגעשריטענעם טייל פון דער רוסלענדישער געזעלשאַפט, אַז זיי רײַסן איבער דעם דעמאָקראַטישן פאָדעם אאַז״וו. האָט לענין פאַרעכנט צו די „אויסטראַכטענישן״, דערבײַ „שלעכטע אויסטראַכטענישן״. לענין האָט באַוויזן, אַז די מאַרקסיסטן יאַרשענען די דעמאָקראַטישע טראַדיציעס פון די רעוואָליוציאָנערן פון די זעכציקער יאָרן, אָבער דער עצעם אַקט פון אָט דעם יאַרשענען זעט פאַרויס צו אָפּרייניקן די יערושע פון די ליבעראַל־פּאָלקיסטישע פאַרקריפּלונגען.

פונעם מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט איז אַ באַוווסטזיניק געיאַרשנטע טראַדיציע — אַ לעבעדיקע טראַדיציע, אַ שעפערישע, וועלכע בילדעט דעם פונדאַמענט פון די מענטשלעכע וויסנשאַפטן. אַזאַ טראַדיציע אַנטוויקלט און באַרײַכערט די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, ווו עס שפּילן די פּירנדיקע ראָליע די רעוואָליוציאָנערע טראַדיציעס פון דער פּאַרטיי, פונעם אַרבעטער־קלאַס.

די פּאַרטיי איז שטענדיק אַרויסגעטראָטן „אונטער דער פאָן פון דער רעוואָליוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּראָגראַם, וועלכע היט אָפּ די יערושעדיקײַט פון דער באַוועגונג...״[1] אין די פּאַרטיי־פּראָגראַמעס געפינט אַן אויסדרוק און אַ פאַרפעסטיקונג די יערושעדיקײַט פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, פון דער סאָציאַליסטישער און קאָמוניסטישער באַוועגונג. די „דרײַ פּאַרטיי־פּראָגראַמעס, וואָס יעדע פון זיי אַנטשפּרעכט די וויכטיקסטע היסטאָרישע עטאַפּן פון דער אַנטוויקלונג פונעם סאָציאַליזם, — איז באַטאָנט געוואָרן אין די טעזיסן פונעם צק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד צום 50־טן אָקטיאַבער־יאָרטאָג, — זײַנען דער קאָנצענטרירטער אויסדרוק פונעם רעוואָליוציאָנערן געדאַנק און פון דער רעוואָליוציאָנערער פּראַקטיק פון דער פּאַרטיי״[2].

---

[1] В. И. Ленин. ПСС, т. 4, стр. 325.

[2] Тезисы ЦК КПСС, 50 лет Великой Октябрьской социалистической революции. «Вопросы идеологической работы КПСС. Сборник важнейших документов КПСС (1965—1973 гг.)», стр. 58.

לענין האָט געשטעלט די אופגאבע צו פארהיטן און פארמערן „אלע טראדיציעס פונעם באָלשעוויזם...“[1]. דאָס פארהיטן די טראדיציעס טרעט ארויס אלס איינע פון די פּאָרמען פון באהערשן די רעוואָלוציאָנערע דערפארונג, פּראקטיש אויסנוצן זי אין דער נײַער היסטאָרישער סיטואציע, בא געענדערטע געזעלשאפטלעכע אומשטענדן. פארהיטן די יערושעדיקײַט, פאָרזעצן די טראדיציע — דאָס איז א שעפערישער איניען, וואָס האָט קיין שום געמיינזאמס ניט מיטן פּאָשעטן אראָפּשרײַבן דאָס, וואָס עס איז געווען. היטן און פאָרזעצן די טראדיציע באטײַט — שעפעריש אנטוויקלען זי. „איין זאך איז, — האָט לענין באטאָנט, — היטן די טראדיציעס פון דער רעוואָליוציע, קענען אויסנוצן זיי פאר דער שטענדיקער פּראָפּאגאנדע און אגיטאציע, אף באקאנען די מאסן מיט די באדינגונגען פונעם אומיטלבארן און באגרײַפערישן קאמף קעגן דער אלטער געזעלשאפט, א צווייטע זאך איז — איבערכאזערן איינעם פון די לאָזונגען, וואָס איז ארויסגעריסן געוואָרן פונעם סכום באדינגונגען, וועלכע האָבן אים געבוירן און געזיכערט אים א דערפאָלג, און אָנווענדן אים אין באדינגונגען, וועלכע זײַנען אינגאנצן אנדערע“[2]. דעריבער איז אזוי וויכטיק צו קענען דיסקאָנטירן, ארומכאפּן אין געדאנק די נײַע געזעלשאפטלעך־עקאָנאָמישע און פּאָליטישע סיטואציע, ריכטיק נעמען אין אכט די געענדערטע באדינגונגען.

די פראגע וועגן טראדיציע, יערושעדיקײַט טאָר מען ניט פארעכענען צו די אבסטראקט־היסטאָרישע פראגן. זי איז א הײַנטצײַטיקע פראגע, ווײַל באזיניקן די פארגאנגענהײַט, פארשטיין דעם הײַנט און זען די צוקונפט — די אלע דרײַ זאכן זײַנען שטענדיק אינערלעך פארבונדן איינס מיטן אנדערן. די דאָזיקע פראגע ווערט אקטועל אויך דערפאר, ווײַל די פאנאנדערוויקלונג פון דער וויסנשאפטלעך־טעכנישער רעוואָליוציע, דער וווקס פונעם מאטעריעלן וווילשטאנד רוקן ארויס אלס א קאָנקרעטע פּראקטישע פּראָבלעם די קעגנזײַטיקע פארהעלטעניש פון די מאטעריעלע און גײַסטיקע ווערטן אינעם לעבנס־סיידער פון מיליאָנען מענטשן. די פּראָבלעם האָט אן אומיטלבארע שײַכעס צו דער אינטעליגענץ, וועלכע איז פארבונדן מיט דער גײַסטיקער פּראָדוקציע, און דאָס קאָן נישט ניט ארויסרופן איר וואקסנדיקן אינטערעס צו דער געשיכטע פונעם גײַסטיקן לעבן פון פאָלק.

---

[1] В. И. Ленин. ПСС, т. 20, стр. 133.
[2] В. И. Ленин. ПСС, т. 16, стр. 26—27.

און אויב די זוכעניש, די אָפּשאַצונג און דאָס קאָנקרעטע שטודירן אין אָט דעם געביט ווערן געפירט אפן סמאך פון גענויע מארקסיסטיש־לענינישע אָריִענטירן און קלאָרע סאָציִאלע קריטעריִען, וועט אָט די ארבעט ברענגען פרוכטבארע רעזולטאטן, באַרײַכערן די סאָציִאליסטישע קולטור מיט די בעסטע קולטור־מוסטערן פון דער פאַרגאַנגענהײַט.

דעם ניהיליסטישן לאָזונג וועגן אָפּזאָגן זיך פון אלץ, וואָס האָט א שײַכעס צו דער פאַרגאַנגענהײַט, ווערט קעגנגעשטעלט ניט דער לאָזונג צו פאַרהיטן אלץ, וואָס איז געווען (אזעלכע עקסטרעמיסטישע רופן שטעלן מיט זיך געוויינלעך פאָר די פאַרקערטע זײַטן פון איין און דעם זעלבן מעדאל), נאָר דער לענינישער פּרינציפּ וועגן באַהערשן אלע גײַסטיקע רײַכטימער, וועלכע די מענטשהײַט האָט אָנגעזאמלט, וועגן אנטוויקלען די בעסטע מוסטערן און טראַדיציִעס פון דער פאַרגאַנגענהײַט פונעם שטאַנדפּונקט פון דער פּראָלעטארישער וועלט־אָנשויונג. דער עצעם צוגאַנג צו דער ירושה פון דער פאַרגאַנגענהײַט — וואָס מע קאָן פון איר נעמען און אנטוויקלען — ווערט באַשטימט לויט די פּאָזיציִעס פון איר וועלט־אָנשויונג.

די דאָזיקע פּראָבלעם האָט נאָך אַן אייגנאַרטיקן מאָמענט. די היסטאָרישע פאַרגאַנגענהײַט, די געשיכטע פון דער קולטור, די שפּראַך — די דאָזיקע פראַגן רירן אָן, אויסער דעם ראַציאָנעלן אינהאַלט, אויך די אומיטלבאַרע עמאָציאָנעלע ספער, באַזונדערס די נאַציאָנאַלע געפילן פון די מענטשן.

„...די אינטערנאַציאָנאַלע קולטור, — האָט לענין אָנגעוויזן, — איז ניט קיין נאַציאָנאַללאָזע"...[1]. און עס וואָלט געווען ניט ריכטיק צו אבסטראַהירן זיך פון אָט דעם אומשטאַנד, וואָס האָט א וועזנטלעכן אײַנפלוס אפן אופאַסן די דאָזיקע פּראָבלעמען אינעם געזעלשאַפטלעכן באַוווּסטזײַן. קאָלזמאַן עס עקזיסטירן נאַציִעס, וועלן עקזיסטירן בא די מענטשן, אין דער אָדער אַנדערער מאָס, אין דער אָדער אַנדערער פאָרם, אויך נאַציאָנאַלע געפילן. „די סאָציִאַל־פּאָליטישע איינהײַט פונעם סאָוועטישן פאָלק, — האָט געזאָגט ל. אי. ברעזשנעוו אינעם פאָרטראָג אף דער אויסעראָרדנטלעכער זיבעטער סעסיע פונעם אויבער־סאָוועט פון פסטר פונעם נײַנטן

[1] В. И. Ленин. ПСС, т. 24, стр. 120.

צונויפרוף, — באטײַט קלאל ניט, אז עס זײַנען פארשוואונדן די נאציאָנאלע אונטערשיידן"[1].

בא אונדז אין לאנד איז די נאציאָנאלע פראגע געלייזט ענדגילטיק און אָף שטענדיק. איצט איז קאָנסטיטוציאָנעל פארפיקסירט, אז בא אונדז האָט זיך אויסגעבילדעט א נײַע היסטאָרישע מענטשן־געמיינשאפט — דאָס סאָוועטישע פאָלק. אין דער זעלבער צײַט באטײַט דאָס ניט, אז פון שטאנדפונקט פון דער אנטוויקלונג פון די נאציאָנאלע פארהעלטענישן איז די געזעלשאפט געוואָרן א געזעלשאפט אָן פראָבלעמען. „...אין אונדזער פארבאנדישער מעלוכע, — האָט געזאָגט ל. אי. ברעזשנעוו, — עקזיסטירן אויך אָביעקטיווע פראָבלעמען, — אזעלכע, ווי דאָס געפינען די ריכטיקסטע אנטוויקלונגס־וועגן פון באזונדערע נאציעס און פעלקערשאפטן און די ריכטיקסטע צונויפפאָרונג פון די אינטערעסן פון יעדערער פון זיי מיט די אלגעמיינע אינטערעסן פונעם סאָוועטישן פאָלק אינגאנצן גענומען"[2]. פונדאנען איז צו זען, אז פונעם אידעאָלאָגישן, פאָליטיש־דערציִערישן שטאנדפונקט האָט א פרינציפּיעלע באדײַטונג דער קאָנסעקווענט אויסגעהאלטענער אינטערנאציאָנאליסטישער צוגאנג צו אלע פראָבלעמען, וועלכע זײַנען פארבונדן מיט דער אנטוויקלונג פון די נאציאָנאלע פארהעלטענישן.

אויב מע זאָל אָפּטרעטן פון די אינטערנאציאָנאליסטישע, אלפארבאנדישע פּאָזיציעס, קאָנען אופקומען אינעם באוווסטזײַן אבעראציעס פון נאציאָנאלער באגרענעצטקײַט, גײַווע אָדער אויסנעמלעכקײַט. די סיבעס פונעם אופקום פון אזעלכע נעגאטיווע דערשײַנונגען און פארקריפּלונגען זײַנען אומבאדינגט פארבונדן סײַ מיט דער שמאָלקײַט פונעם דענקען, סײַ מיט די סוביעקטיוויסטישע שטימונגען, וועלכע קומען אין אן ענגן באריר מיט די נאציאָנאליסטישע אָבערגלויבענישן, וואָס זײַנען נאָך ענדגילטיק ניט אויסגעלעבט.

פאר די מארקסיסטן איז שטענדיק געווען אן אקסיאָמע, אז נאציאָנאלע געפילן איז א קאָמפּליצירטע דערשײַנונג, וואָס האָט א ראציאָנעלן אספּעקט און אן עמאָציאָנעלן. עס איז ניט ריכטיק צו איגנאָרירן די דאָזיקע אספּעקטן, מע טאָר אָבער אויך ניט כיינדלען זיך צו זיי, ווײַל יעדע פאָרם

[1] Л. И. Брежнев. Вопросы развития политической системы советского общества, стр. 458.

[2] Л. И. Брежнев. О коммунистическом воспитании трудящихся. Речи и статьи. М., 1979, стр. 482.

פון כיינדלען זיך דערפירט דערצו, אז די נאציאָנאלע געפילן הייבן אָן באקומען א נאציאָנאליסטישע באפארבונג. נאָך מער איז אומדערלאָזבאר, ווען זיי ווערן העפקערדיק פארשמעלערט, פארלירן דעם קלאָרן סאָציאלן אינהאלט, הייבן אָן ווילנדיק אָדער ניט ווילנדיק קעגנגעשטעלט ווערן דעם סאָציאליסטישן אינהאלט פונעם סאָוועטישן פאטריאָטיזם, דעם לענינישן פארשטייען, וואָס עס איז אזוינס נאציאָנאלער שטאָלץ פונעם האָרעפאשנעם מענטשן.

דער פאטריאָטישער שטאָלץ פונעם סאָוועטישן מענטשן איז א רעזולטאט פון די סאָציאליסטישע אופטוען פונעם סאָוועטישן פאָלק, פון די רעוואָליוציאָנערע, דעמאָקראטישע, פראָגרעסיווע טראדיציעס. אין דער קולטור פון דער פארגאנגענהייט טיילן די מארקסיסטן אויס אירע סאָציאליסטישע, דעמאָקראטישע און פראָגרעסיווע זייטן, די עמעסע גייסטיקע ווערטן, באפרייענדיק זי פון אלץ, וואָס איז רעאקציאָנער, וואָס דינט די אופגאבן צו פארשקלאפן די ארבעטנדיקע דורך די עקספּלואטאטאָרישע קלאסן, צו צעשיידן זיי לויט די נאציאָנאלע סימאָנים. פאטריאָטיש איז דאָס, וואָס עס איז סאָציאליסטיש און אינטערנאציאָנאל, און אויב צוגיין צו דער פארגאנגענהייט, — דאָס, וואָס עס איז רעוואָליוציאָנער, דעמאָקראטיש און פראָגרעסיוו, דאָס, וואָס באריַיכערט אונדזער היַינטציַיטיקע קולטור מיט עמעסע גיַיסטיקע ווערטן.

די נאציאָנאלע פראגע אין דער היַינטציַיטיקער עפּאָכע איז איינער פון די שארפע באצירקן פונעם אידייִש־פּאָליטישן קאמף צווישן דער וועלט פון סאָציאליזם און דער וועלט פון קאפּיטאליזם. דער קאמף קעגן דער נאציאָנאליסטישער מאגייפע איז א באשטאנדטייל פונעם אינטערנאציאָנאלן קאמף קעגן דער בורזשואזער אידעאָלאָגיע. דער בורזשואזער נאציאָנאליזם און דער פּראָלעטארישער אינטערנאציאָנאליזם זיַינען ניט בלויז צוויי קעגנזעצלעכע פּאָליטיקעס, נאָר אויך צוויי קעגנזעצלעכע אָנשויונגען. קעגן יעטווידער נאציאָנאליסטישער קרענק, פונוואנען זי זאָל ניט שטאמען, האָבן די קאָמוניסטן א זיכער געווער. די קאָמוניסטן פון א גרויסער נאציע דארפן קוידעמקאָל ארויסטרעטן קעגן די שאָוויניסטישע אנטפּלעקונגען, און די קאָמוניסטן פון קליינע נאציעס — קוידעמקאָל קעגן די נאציאָנאליסטישע דערשיַינונגען, קעגן נאציאָנאלער שמאָלקיַיט און עגאָיזם. לענין האָט געלערנט, אז קעגן יעטווידע נאציאָנאליסטישע אנטפּלעקונגען דארפן די קאָמוניסטן ארויסטרעטן אין אן איינהיַיטלעכן פראָנט,

שטייענדיק אף איינהײַטלעכע פאָזיציעס פון פראָלעטארישן אינטערנאציאָנאליזם. קעגן דעם נאציאָנאליזם קאָן מען מיט דערפאָלג ארויסשטעלן בלויז דעם אינטערנאציאָנאליזם.

לענין האָט ניט איין מאָל אָנגעוויזן, „אז דער טאָך באשטייט דערין, מע זאָל קענען זײַן... אן אינטערנאציאָנאליסט פאקטיש"[1], קענען „קעמפן קעגן דער קליין־נאציאָנאלער שמאָלקײַט, אײַנגעשלאָסנקײַט, היסבוידעדעס, פאר דעם דיסקאָנט פונעם גאנצן און אלגעמיינעם, פאר אונטעראָרדענען די אינטערעסן פונעם פריוואטן די אינטערעסן פונעם אלגעמיינעם"[2].

די פראָבלעמען פון פאטריאָטישער און אינטערנאציאָנאליסטישער דערציִונג זײַנען אלזײַטיק באטראכט געוואָרן אפן XXV פארטיי־צוזאמענפאָר, וואָס האָט פאראלגעמיינערט די רײַכע דערפארונג פון די פארטיי־אָרגאניזאציעס אף דעם דאָזיקן וויכטיקן באצירק פון דער אידייִש־דערציִערישער ארבעט און קאָנקרעטיזירט די ווײַטערדיקע אופגאבן. א פרינציפיִעלע באדײַטונג האָט דער אויפן, ווי עס איז אינעם באריכט־פאָרטראָג פונעם צק פון דער פארטיי געשטעלט געוואָרן די פראגע וועגן דער אָרגאנישער איינהײַט פון דער פאטריאָטישער דערציִונג פון די ארבעטנדיקע און גלײַכצײַטיק וועגן פארשטארקן דעם אינטערנאציאָנאלן באוווסטזײַן פון די מאסן. אין טאָך גענומען, זײַנען דאָס צוויי אָרגאנישע זײַטן פון אן איינהײַטלעכער פראָבלעם, וועלכע מע קאָן שטעלן און לייזן בלויז אין אָט דער אָרגאנישער איינהײַט.

אין די באשטימונגען וועגן דער ארבעט פון דער פארטיי־אָרגאניזאציע פון לוואָווער געגנט וועגן דער ארבעט פונעם טבּיליסער שטאָטקאָם האָט דער צענטראל־קאָמיטעט, — האָט אָפגעמערקט ל. אי. ברעזשנעוו אפן XXV צוזאמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פונעם סאָוועטנפארבאנד, — געווענדט די אופמערקזאמקײַט פון די פארטיי־אָרגאניזאציעס אף די כעסרוינעס אין דער אינטערנאציאָנאלער דערציִונג. הײַנט קאָנען מיר מיט באפרידיקונג אָפמערקן, אז עס זײַנען פון דעם געמאכט געוואָרן ריכטיקע אויספירן, די פארטיי־אָרגאניזאציעס האָבן זיך גענומען מיט מער איניציאטיוו צו דער ארבעט פון פאטריאָטישן און אינטערנאציאָנאלן דערציִען די ארבעטנדיקע. עס ווערן אויסגעלעבט באזונדערע דערשײַנונגען

[1] В. И. Ленин. ПСС, т. 31, стр. 177.
[2] В. И. Ленин. ПСС, т. 30, стр. 45.

פון נאציאָנאליזם און שאָוויניזם, פאקטן פון באנוצן ניט קיין קלאסן־צוגאנג באם אָפּשאצן היסטאָרישע געשעענישן, פון ארויסווײַזן אזא צוגאנג צו פראגן, ווען עס ווערן פארטיידיקט די אָרטיקע אינטערעסן, ניט רעכענענדיק זיך מיט די אלגעמיינע מעלוכע־אינטערעסן, פאקטן פון פרווון זינגען לויב־געזאנגען דעם פאטריארכאליזם. דאָס אלץ האָט געפונען א טיפן פארשטאנד און א שטיצע צווישן די ארבעטנדיקע און האָט פּאָזיטיוו געווירקט אפן ווײַטערדיקן פארשטארקן די פרײַנטשאפט און פארברידערטקײַט פון די פעלקער פון אונדזער לאנד"[1].

אין די באדינגונגען פונעם אנטוויקלטן סאָציאליזם וואקסן די ראָליע און די באדײַטונג פון די קולטור־ און גײַסט־פאקטאָרן אינעם לעבן. די געזעלשאפט איז פארינטערעסירט אין דער רײַכקײַט און פילארטיקײַט פון דער קולטור, דערין, אז אלע מיטגלידער אירע זאָלן זי טיף באהערשן. די פארטיפערונג פון דער וויסנשאפטלעך־טעכנישער רעוואָליוציע, דער גיגאנטישער וווקס פון די מאטעריעל־טעכנישע מעגלעכקײַטן שאפן, כוץ דעם, נײַע טעכנאָלאָגישע באדינגונגען פאר דער גײַסטיקער פּראָדוקציע, באדינגונגען, וועלכע זײַנען אין פיל הינזיכטן אומגעוויינלעכע און זײַנען פריִער ניט געווען. עס איז ביז גאָר פארשטענדלעך, אז די סאָציאלע פאָלגן פון דער וויסנשאפטלעך־טעכנישער רעוואָליוציע אין דער ספער פון דער גײַסטיקער פּראָדוקציע ווערן אויך פרינציפּיעל פארשיידן מאָדיפיצירט אין פארשיידענע סאָציאל־עקאָנאָמישע און אידעאָלאָגישע סטרוקטורן, ווי אין די אנדערע לעבנס־געביטן פון דער הײַנטיקער געזעלשאפט.

די דערפארונג פונעם רעאלן סאָציאליזם האָט אין א רעליעפער פאָרם באוויזן די פרוכטבארקײַט פונעם לענינישן צוגאנג צו דער סאמע קאָמפּליצירטער און סאמע איידעלער סיסטעם פון דער געזעלשאפטלעכער לעבנסטעטיקײַט — צו דער קולטור־ספער. די וועלט־היסטאָרישע ראָליע פונעם ארבעטער־קלאס אלס א בויער פון דער נײַער געזעלשאפט האָט לענין אײַנגעזען דערין, וואָס דער גאנצער וווּנדער פון דער טעכניק, אלע דעראָבערונגען פון דער קולטור וועלן ווערן אן אלפאָלקיש אייגנס, און פון איצט אָן וועט קיין שום מענטשלעכער סייכל און געני ניט אויסגענוצט ווערן אלס מיטל פון געוואלט, אלס מיטל פון עקספּלואטאציע[2].

---

[1] «Материалы XXV съезда КПСС», стр. 75.
[2] В. И. Ленин. ПСС, т. 35, стр. 289.

לענין האָט געשענקט א קאָלאָסאלע אופמערקזאמקײַט דער פראקטישער צוגרייטונג פונעם ארבעטער־קלאס צום אויספילן די דאָזיקע מיסיע. נאָך אין זײַן ווערק „וואָס דארף מען טאָן?" האָט ער ארויסגערוקט א ברייטע פראָגראם פון פאָליטישער אופקלערונג צווישן די ארבעטער, די אופגאבע צו באהערשן די קענטענישן פון דער טקופע, אין וועלכער מיר לעבן. „און קעדיי די ארבעטער זאָל זיך דאָס אָפטער אײַנגעבן, — האָט לענין געשריבן, — איז נייטיק צו זאָרגן זיך ווי מעגלעך מער וועגן דעם ניוואָ פון דער באוווסטזיניקײַט פון די ארבעטער ביכלאל, דערצו איז נייטיק, אז די ארבעטער זאָלן זיך ניט אײַנשליסן אין די קינסטלעך פארשמעלערטע ראמען פון „ליטעראטור פאר די ארבעטער", נאָר זיי זאָלן זיך לערנען צו באהערשן אלץ מער און מער די אלגעמיינע ליטעראטור"[1].

נאָך דעם, ווי דער ארבעטער־קלאס האָט דעראָבערט די פאָליטישע מאכט, נאָכן נאציאָנאליזירן די גרונט־מיטלען פון דער פראָדוקציע, האָט לענין געהאלטן, אז „פאר אונדז איז איצט גענוג... א קולטור־רעוואָליוציע, קעדיי ווערן א פולשטענדיק סאָציאליסטיש לאנד..."[2].

די לענינישע פראָגראם פון דער קולטור־רעוואָליוציע איז געווען א גרויסער בײַטראָג אין דער טעאָריע און פראקטיק פונעם וויסנשאפטלעכן קאָמוניזם. די ערשטראנגיקע אופגאבע פון דער קולטור־רעוואָליוציע איז געווען — ליקווידירן דעם אנאלפאבעטיזם און אנטוויקלען די פאָלקס־בילדונג, אלס א נייטיקער באדינג אף צו באהעפטן די ברייטסטע ארבעטנדיקע מאסן צו פאָליטיק און קולטור. „קאָלזמאן בא אונדז אין לאנד איז פאראן אזא דערשײַנונג, ווי אנאלפאבעטיזם, — האָט געזאָגט לענין, — איז וועגן פאָליטישער בילדונג צו שווער צו ריידן. דאָס איז ניט קיין פאָליטישע אופגאבע, דאָס איז א באדינג, וואָס אָן דעם קאָן מען ניט ריידן וועגן פאָליטיק. אן אנאלפאבעט שטייט אויסער פאָליטיק. אים דארף מען פריער פאר אלץ אויסלערנען דעם אלעפבייס"[3]. פונדאנען איז געדרונגען די נייטיקײַט צו פארייניקן די אידייִש־פאָליטישע דערציִונג מיט דער קולטור־אופקלער־ארבעט. דאָס באטײַט ניט, אז די פראגע וועגן פארייניקן די קולטור־אופקלער־ארבעט און די פאָליטישע בילדונג קאָן אראָפּגענומען ווערן פון דער טאָג־אָרדענונג, ווען עס וועט ליקווידירט ווערן דער אנאלפאבעטיזם

[1] В. И. Ленин. ПСС, т. 6, стр. 39.
[2] В. И. Ленин. ПСС, т. 45, стр. 377.
[3] В. И. Ленин. ПСС, т. 44, стр. 174.

טיזם. אדראבע, די דאָזיקע אופגאבע איז ניט קיין צײַטווײַליקע, ניט קיין איינמאָליקע, נאָר א באשטענדיקע, וואָס ווערט אויסגעפילט אין נײַע פאָר־מען אף פארשיידענע שטופעס פון דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג. אויך אין די הײַנטצײַטיקע באדינגונגען פונעם אנטוויקלטן סאָציאַליזם באטראכט די פארטיי די פראגן וועגן אידייִש־דערציִערישער ארבעט אין דער אָרגאנישער איינהײַט מיט די אופגאבן פון דער ווײַטערדיקער אנט־וויקלונג פון דער קולטור, פאָלקס־בילדונג, מיט דער אלגעמיינער פארגרע־סערונג פונעם קולטור־גײַסטיקן פאָטענציאל פון דער געזעלשאפט.

וואָס העכער עס איז דער קולטור־ניוואָ, וואָס אלזײַטיקער עס איז אנטוויקלט דער מענטש, אלץ דערפאָלגרײַכער ווערן געלייזט אויך די אופגאבן פון פאָליטישער דערציִונג. אין דער זעלבער צײַט פאָדערט דער הויכער קולטור־ניוואָ א פארטיפערטן אינהאלט און פארשיידנארטיקײַט פון די פאָרמען פון פאָליטישער בילדונג, אזוי אז זיי זאָלן אנטשפרעכן די אויסגעוואקסענע גײַסטיקע באדערפענישן פון די מענטשן.

אויב די אריפמעטיק פון דער קולטור־רעוואָליוציע באשטייט אין ליק־ווידירן דעם גײַסטיקן דאלעס, באשטייט איר אלגעברע אין זיכערן דעם זיג פון דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע אינעם געזעלשאפטלעכן באַ־ווּסטזײַן, אין בײַקומען די קליינבירגערלעכע אָנשויונגען און טראדיציעס, אין אָרגאניזירן דאָס גאנצע גײַסטיקע לעבן פון דער געזעלשאפט אף סאָ־ציאַליסטישע פרינציפן און קעסיידער בארײַכערן עס.

לענין האָט אײַנגעזען אין דער קולטור־רעוואָליוציע א שעפערישע קראפט, וואָס איז פייִיק אופהייבן די געזעלשאפטלעכע פראָדוקציע, שאפן א נײַע געזעלשאפטלעכע ארבעט־דיסציפלין, באהעפטן די מיליאָניקע מאסן ארבעטסלײַט צו נײַע פאָרמען פון געזעלשאפטלעכן לעבן, צום פראקטישן אָנטייל אינעם פארוואלטן מיט די געזעלשאפטלעכע און מעלוכישע איינ־יאָנים, פארוואנדלען זיי אין באוווּסטזיניקע שעפער פונעם נײַעם לעבנס־סיידער.

די קולטור טרעט ארויס אלס אן אָרגאנישער טייל פון דער גאנצער געזעלשאפטלעכער אָרגאניזאציע פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאפט: פון דער פראָדוקציע, לעבנסשטייגער, מענטשלעכע פארהעלטענישן, פאָר־מירונג און דערציִונג פונעם מענטשן. די קולטור־דערגרייכונגען זײַנען ניט בלויז דאָס גײַסטיקע, נאָר אויך דאָס פראקטישע רײַכטום פון דער געזעל־שאפט. אף צו אנטוויקלען און פארפולקומען די פאָלקסווירטשאפט, האָט

אַנגעוויזן לענין, „נייטיקן מיר זיך אין א קאַלאָסאַלער העכערונג פון דער קולטור"[1]. וואָס קאָמפּליצירטער עס ווערט דער פאַלקסווירטשאַפטלעכער קאָמפּלעקס, וואָס מער עס פארגרעסערן זיך די מאסשטאבן און די קוואַליטאטיווע כאראַקטעריסטיקעס פון דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג, אלץ מער וואקסט קעסיידער די באדערפעניש אינעם פארברייטערן און פארטיפערן די קולטור, וועלכע האָט אן אלץ וואקסנדיקע צוריקווירקונג אף דער הײַנטצײַטיקער פראָדוקציע, אף דער פראָדוקטיווקײַט פון דער געזעלשאַפטלעכער מי, אפן גאנצן סטיל פון דער פראָדוציר־ווירטשאַפטלעכער טעטיקײַט.

לענין האָט געהאלטן פאר פּרינציפּיעל וויכטיק די אָנפירנדיקע ראָליע פון דער פארטיי אינעם גײַסטיקן לעבן פונעם סאָציאַליזם, אין דער קולטור־בויונג, דאָס קאָנסעקווענטע דורכפירן די מארקסיסטישע אידעאָלאָגישע פּרינציפּן אין דער ליטעראטור, קונסט, דאָס מײַסטערהאפטע אָנווענדן זיי אין דער דאָזיקער ספּעציפישער פאָרם פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס גײַסטיקע לעבן קאָן ניט גיין מיטן זעלבסטשטראָם. עס איז נייטיק אויסארבעטן ספּעציפישע אָנפירונג־מעטאָדן, באגרינדעטע אף די אינערלעכע געזעצמעסיקײַטן פון דער גײַסטיק־קולטורעלער אנטוויקלונג, אײַנגעשלאָסן אויך דאָס פארשטיין די סאָציאַלע און פּראָפעסיאָנעלע אייגנשאפטן פון דער אינטעליגענץ.

באגרינדנדיק דעם קלאסן־צוגאנג צום אנאליז און צו דער אָפּשאצונג פון די געזעלשאַפטלעכע דערשײַנונגען, האָבן מארקס, ענגעלס, לענין אויסגעשמידט קארדינאַלע מעטאָדאָלאָגישע פּרינציפּן אינעם קאמף קעגן די אלמעגלעכע ווולגאריזאטאָרן, וועלכע האָבן העכסט אײנזײַטיק פארשטאנען דעם אינהאלט פונעם מארקסיזם. מארקס' האנאָכע ווענן די קעגנזײַטיקע פארבינדונגען פונעם קלאס און זײַנע ליטעראַרישע פאָרשטייער איז אָנגעווענדט באם קאָנקרעטן אנאליז פון א גאנצער ריי דערשײַנונגען, באַזונדערס ליטעראַריש־קינסטלערישע, און דאָס האָט געגעבן ווערטפולע רעזולטאטן, וועלכע באווײַזן, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דער מארקסיסטישער צוגאנג אין לעבן, אינעם פּראַקטישן אָנווענדן אים צו פארשיידענע געביטן.

---

[1] В. И. Ленин. ПСС, т. 44, стр. 170.

די ווולגאריזירונג פון די מארקסיסטישע סאָציאלע קריטעריען איז באזונדערס ניט דערלאָזבאר באם אנאליזירן און אָפּשאצן די סאמע ראפינירטע דערשײַנונגען פונעם גײַסטיקן לעבן, און דערפאר פארהיט איר טעאָרעטישע אקטועלקײַט ענגעלסעס פּאָלעמיק מיט די אזויגערופענע „יונגע” אין דער דײַטשישער סאָציאל־דעמאָקראטיע אין סאָף פונעם פאָריקן יאָרהונדערט — מיט פּ. ערנעסטן, פּ. קאמפּמייערן, ה. מיולערן. אָט די, ווי ענגעלס האָט זיי בײַסיק כאראקטעריזירט אלס „קליגסטע דאָקטאָרס און גײַוועדיקע ליטעראטן”, זײַנען געווען טיפּיש לויט זייער קרעמערשער פּסיכאָלאָגיע אין דער דעמלטיקער ליטערארישקריטישער ספער. אָפּאָרטוניסטן אין פּאָליטישן הינזיכט, און אין טעאָרעטישן — האלב געבילדעטע „מארקסיסטן”, האָבן זיי דורכגעשמוגלט זייערע ווולגאריזאטאָרישע אָנשויונגען, וועלכע האָבן קיין שום געמיינזאמס ניט מיטן מארקסיזם. פאר ענגעלסן איז געשטאנען די אופגאבע צו אָפּגרענעצן זיך קאטעגאָריש פון די דאָזיקע פארשוינען, אף וויפל זיי פלעגן זיך צודעקן מיט דער פארטייִשער פאָן און פוצן זיך מיט דער מארקסיסטישער טערמינאָלאָגיע.

„אין טעאָרעטישן הינזיכט, — האָט געשריבן ענגעלס, — האָב איך געפונען אין איר (אין דער טעטיקײַט פון דער אָפּאָזיציע. — נ. ב.) ...א פארקריפּלטן ביז ניט צו דערקענען „מארקסיזם”, וועלכער טיילט זיך אויס, ערשטנס, מיטן בעפּיירעשן ניט פארשטיין יענע וועלט־אָנשויונג, וואָס אין איר נאָמען טרעטן זיי ארויס; צווייטנס, מיטן פולן ניט וויסן די אנטשיידנדיקע אין יעדן געגעבענעם מאָמענט היסטאָרישע פאקטן; דריטנס, מיטן קלאָר אויסגעדריקטן באוווסטזײַן פון דער אייגענער גרענעצלאָזער אײַבערוואָג, וואָס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר א דײַטשישן ליטעראטאָר”[1].

אזא „בעפּיירעשן ניט פארשטיין” און „פולן ניט וויסן” האָבן זיי דעמאָנסטרירט אין זייערע אָפּהאנדלונגען וועגן דער שאפונג פון ה. איבסען און א. סטרינדבערג. פארבײַטנדיק דעם רעוואָליוציאָנער־קריטישן מעטאָד פונעם מארקסיזם מיט דער דאָגמאטישער אקסיאָמאטיק, האָבן זיי ניט געקענט געבן קיין סאָציאלן אנאליז פון דער שאפונג פון אָט די אָנגעזעענסטע נאָרוועגישע שרײַבער און זײַנען פארבליבן אין די דאלעדאמעס פון ווולגאר־סאָציאָלאָגישע ספּעקוליאטיווע כקירעס.

---

1 К. Маркс и Ф. Энгельс. Соч. т. 22, стр. 74.

ריידנדיק וועגן דעם קלאַסן־צוגאַנג צו די דערשײַנונגען פון דער ליטעראַטור און קונסט, האָט ענגעלס באַוויזן, אַז קיין זאַך פאַרשאַפט דאָ ניט אַזויפיל שאָדן, ווי דאָס פאַרײנפאַכן און ניט פאַרשטיין די אייגנשאַפטן פון דער זאַך, וואָס דאַרף זאָרגזאַם דערלערנט ווערן. עס האַנדלט זיך ניט נאָר און ניט אַזויפיל אין דער קלאַסן־אָנגעהעריקייט פונעם שרײַבער און אין זײַנע סוביעקטיווע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. ס׳זײַנען פאַראַן ניט ווייניק בײַשפּילן, ווען באַ גרויסע קינסטלער קומען זיי אין אַ ווידערשפּרוך מיטן אָביעקטיוון אינהאַלט פון זייער שאַפונג. אין דעם פּראַט דאַרף דערמאָנט ווערן „וועגן דעם, אַז באַלזאַק איז... געצוווּנגען געווען צו גיין קעגן זײַנע אייגענע קלאַסן־סימפּאַטיעס און פּאָליטישע פּאָרורטיילן, וועגן דעם, אַז ער האָט געזען, ווי זײַנע באַליבטע אַריסטאָקראַטן מוזן אומפאַרמײַדלעך פאַלן, און ער האָט זיי באַשריבן אַלס מענטשן, וועלכע זײַנען ניט ווערט קיין בעסערן גורל, אויך וועגן דעם, אַז ער האָט געזען עמעסע מענטשן פון דער צוקונפט בלויז דאָרט, ווו מע האָט זיי אין יענער צײַט געקאָנט געפינען. דערין זע איך, — האָט געשריבן ענגעלס, — בלויז איינעם פון די גרעסטע ניצחונות פונעם רעאַליזם און איינעם פון די גרעסטע שטריכן פונעם אַלטן באַלזאַק״[1].

ענגעלסעס גענויאַלער אַנאַליז וועגן אָ. באַלזאַקס שאַפונג, לענינס וועגן ל. טאָלסטאָיס שאַפונג זײַנען גלענצנדיקע בײַשפּילן און לעקציעס פונעם מאַרקסיסטישן סאָציאַלן אַנאַליז פון דעם גײַסטיקן לעבן פון דער געזעלשאַפט, זיי האָבן באַוויזן די גאַנצע פּרוכטבאַרקײַט, שטרענגע וויסנשאַפטלעכקײַט און קאָנסעקווענטקײַט פון דער פּאַרטייִשקײַט אין אַזאַ קאָמפּליצירטן געביט.

די וועלט־באַדײַטונג פון ל. טאָלסטאָיס שאַפונג אַלס קינסטלער, דענקער און פּריידיקער האָט לענין באַטראַכט דורך דער פּריזמע פון די אייגנאַרטיקע ווידערשפּרוכן פון דער עפּאָכע, דורך דער פּריזמע פון דער צווישנפעלקערלעכער באַדײַטונג פון דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע. דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקײַט צו מאַכן דעם אויספיר, אַז „די ווידערשפּרוכן אין טאָלסטאָיס אָנשויונגען זײַנען ניט קיין ווידערשפּרוכן בלויז פון זײַן פּערזענלעכן געדאַנק, נאָר אַן אָפּשפּיגלונג פון יענע,

---

[1] К. Маркс и Ф. Энгельс, соч. т. 37, стр. 37.

אין דער העכסטער מאָס קאָמפליצירטע ווידערשפרעכלעכע באדינגונגען, סאָציאלע אײַנפלוסן, היסטאָרישע טראדיציעס, וועלכע האָבן באשטימט די פסיכאָלאָגיע פון פארשיידענע קלאסן און פארשיידענע שיכטן פון דער רוסישער געזעלשאפט אין דער עפאָכע נאָך דער רעפאָרם, אָבער ביז דער רעוואָליוציע״[1].

לענינס פאָזיציע אין די פראגן פון קולטור איז אויסגעארבעט געוואָרן אין א פרינציפּיעל שארפן קאמף קעגן די אנטימארקסיסטישע קלײנביר־גערלעכע קאָנצעפציעס פון די טראָצקיסטן, רעכטע אָפּאָרטוניסטן, זי איז אויסגעארבעט געוואָרן אין קאמף קעגן דער „קאָמגײַווע״, וועגן די פרוּוון צו לייזן דורך דעקרעטן די קולטור־קינסטלערישע פראגן.

לענין האָט שארף באקעמפט טראָצקיס פארקריפלען די אופגאבן פון דער פראָלעטארישער דיקטאטור, זײַנע פרוּוון צונויפשטויסן דעם ארבע־טער־קלאס מיטן האָרעפאשנעם פויערטום און מיט דער אינטעליגענץ. לענין האָט באוויזן, אז רעוואָליוציאָנערער געוואלט און דיקטאטור קאָנען געבן זייערע רעזולטאטן, אויב זיי ווערן אָפגעווענדט „ווען מע דארף און קעגן וועמען מע דארף״[2]. אבסאָליוטיזירן דאָס געוואלט, מאכן א פרוּוו צו לייזן מיט דער הילף פון געוואלט די אופגאבן פון אָרגאניזירן די קולטור, די וויסנשאפט, — דאָס איז לויט לענינען אן אומזין. „די פריערדיקע רע־וואָליוציעס זײַנען אומגעקומען גראָד דערפאר, ווײַל די ארבעטער האָבן ניט געקאָנט אײַנהאלטן די פעסטע דיקטאטור און האָבן ניט פארשטאנען, אז בלויז מיט דער דיקטאטור, בלויז מיט געוואלט, מיט צוואנג קאָן מען זיך ניט אײַנהאלטן״[3]. קעדיי צו פארפעסטיקן דעם זיג פון דער פראָלעטא־רישער רעוואָליוציע און אויסבויען א סאָציאליסטישע געזעלשאפט, דער־נאָך זיכערן דעם אריבערגאנג צום קאָמוניזם, דארפן דער ארבעטער־קלאס, די ארבעטנדיקע באהערשן אלע אויצרעס פון דער מאטעריעלער און גײַס־טיקער קולטור, „נעמען די גאנצע וויסנשאפט, טעכניק, אלע קענטענישן, די קונסט״[4].

לענין האָט געזען די קולטור־פראָבלעם ניט בלויז אין איר גאנצער טעאָרעטישער גראנדיעזקײַט, נאָר אויך אין דער ריזיקער פראקטישער

[1] В. И. Ленин. ПСС, т. 20, стр. 22.
[2] В. И. Ленин. ПСС, т. 38, стр. 149.
[3] В. И. Ленин. ПСС, т. 40, стр. 217.
[4] В. И. Ленин. ПСС, т. 38, стр. 55.

קאָמפּליצירטקײט. אין 1922 האָט ער אײנעם פּלאַן פונעם פּאָליטישן באַריכט פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטײ (באָלשעװיקעס) דעם XI פּאַרטײ־צוזאַמענפאָר אַרײַנגעשריבן פּאָלגנדעס: „דער טשװאָק פונעם מאָמענט" (רינג פון דער קײט) — דער ריס צװישן דער גרױסקײַט פון די געשטעלטע אױפגאַבן און דעם דאַלעס, ניט בלױז מאַטעריעלן, נאָר אױך קולטור־דאַלעס"[1]. ליקװידירן דעם דאָזיקן ריס — אַזאַ איז געװען די שװערסטע אױפגאַבע, װעלכע האָט זיך געשטעלט פאַר דער פּאַרטײ. און די דאָזיקע אױפגאַבע איז געלײזט געװאָרן.

פאַרװירקלעכנדיק לענינס פּראָגראַם פון דער קולטור־רעװאָלוציע, האָט די פּאַרטײ קאָנסעקװענט זיך געהאַלטן בײַ די לענינישע פּרינציפּן און אָנװײַזונגען, אַז דאָס גײַסטיקע לעבן פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט איז אַן אָרגאַנישער טײל פון דער אַלגעמײן־פּאַרטײיִשער, אַלגעמײן פּראָלעטאַרישער זאַך, אַז „אין די פראַגן פון קולטור איז אײַליקײַט און צעפלאָסנקײַט שעדלעכער פון אַלץ"[2]. קײנע אַנדערע אײגנשאַפטן קאָנען דאָ ניט פאַרבײַטן קאָמפּעטענטקײַט, קענטעניש, מאָראַלישן אױטאָריטעט און פאַרשײדנזײַטיקײַט. ניט ריזיקירנדיק צו מעגאַזעם זײַן, קאָן מען זאָגן, אַז עפּשער איז אין ערגעץ ניט אַזױ נײטיק פּרינציפּיעלקײַט און טאַקט, פאַרײניקונג פון שטרענגע פאָדערונגען און פאָרזיכטיקײַט, זאָרגזאַמע דורכגעטראַכטקײַט און אָפּגעװױגנקײַט פון אַלע מעגלעכע פאָלגן און רעזולטאַטן, טיפקײַט פון װיסנשאַפטלעכע קענטענישן און פּינקטלעכקײַט פון דער פּאָליטישער אינטויִציע, װי דאָס איז נײטיק אין געביט פונעם גײַסטיקן לעבן.

נעמענדיק אין אַכט, אַז אין דער געזעלשאַפט פונעם אַנטװיקלטן סאָציאַליזם איז אױסגעװאַקסן די ראָליע פון די גײַסטיקע פאַקטאָרן, פירט די קאָמוניסטישע פּאַרטײ קאָנסעקװענט דורך און פאַרטיפערט די לענינישע פּרינציפּן פון פּאַרטײיִשער אָנפירונג מיט דער גײַסטיקער ספער און קולטור־ספער פון דער געזעלשאַפטלעכער לעבנסטעטיקײַט. „דער פּאַרטײיִשער צוגאַנג צו די פראַגן פון ליטעראַטור און קונסט פאַרײניקט אין זיך די פילבאַרע באַציִונג צו דער קינסטלערישער אינטעליגענץ, האָט באַטאָנט

[1] В. И. Ленин. ПСС, т. 45, стр. 417.
[2] Там же, стр. 389, 391.

ל. אי. ברעזשנעוו אפּן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, — דאָס געבן איר פּרינציפּיעלע הילף אין די שעפעריִשע זוכונגען. דער הויפּט־קריטעריִ באַם אָפּשאַצן דעם געזעלשאַפטלעכן באַטײַט.

פון יעדן ווערק איז געווען און פאַרבלײַבט, פאַרשטייט זיך, זײַן אידייִשע צילגעווענדטקײַט. אַזוי האַנדלען אַף אַ לענינישן אויפן דער צק, די פּאַרטיי־אָרגאַנען, וועלכע פירן דורך אַ גרויסע אַרבעט אין אָט דער ספער פון דער אידעאָלאָגישער טעטיקײַט. אויב עס טרעפט פונדעסטוועגן ווען־עס־איז, אַז באַזונדערע טוער ווײַזן אַרויס אַ פאַרייַנפאַכטן צוגאַנג, פּרווונדיק לייזן מיט אַדמיניסטראַטיווע מעטאָדן פראַגן, וועלכע באַלאַנגען צו דער קינסטלערישער שאַפונג, צו דער פאַרשיידנאַרטיקײַט פון די פאָרמען און דער אינדיווידואַליטעט פון די סטילן, גייט די פּאַרטיי ניט פאַרבײַ גלײַכגילטיק אַזעלכע פאַלן, זי פאַריכט די לאַגע”[1]. טאַקע אַזאַ סטיל פון דער טעטיקײַט איז דער איינציקער, וואָס איז אַדעקוואַט דעם אינערלעכן אינהאַלט פון דער קולטור.

די קולטור פונעם סאָציאַליזם איז דער ווירדיקער יורש פון אַלדאָס ווערטפולע און בעסטע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער מענטשהײַט. דאָס איז אַ קולטור, וואָס באַפרוכפּערט די גרויסע דערגרייכונגען פונעם מענטשנס גייסט מיט דער לעבעדיקער דערפאַרונג פונעם סאָציאַליזם, מיט דער רעוואָלוציאָנערער שאַפונג פון די אַרבעטנדיקע אין דער בויונג פונעם נײַעם לעבן, אַ קולטור, וואָס שאַפט אַ שטענדיק קעגנזײַטיקע ווירקונג צווישן דער דערפאַרונג פון דער פאַרגאַנגענהײַט און דער דערפאַרונג פונעם הײַנטיקן טאָג. אַ דעמאָקראַטישע לויט איר כאַראַקטער און אַ סאָציאַליסטישע לויטן אינהאַלט, אַן אינטערנאַציאָנאַלע לויטן גײַסט און אַ נאַציאָנאַלע לויט דער פאָרם, שטעלט זי מיט זיך פאָר אַ וועלט־היסטאָרישן טראָט פאָרויס אין דער גײַסטיקער אַנטוויקלונג פון דער גאָרער מענטשהײַט.

אינהאַלט

אַרײַנפיר 3
וועגן אייניקע אידעאָלאָגישע אַספּעקטן פונעם גײַסטיקן לעבן אין דער געזעלשאַפט פון אַנטוויקלטן סאָציאַליזם 10
אידייִש־מאָראַלישע פּראָבלעמען פונעם סאָציאַליסטישן לעבנס־אויפן 27
די אידעאָלאָגיע און די קולטור־היסטאָרישע טראַדיציע 45

---

[1] Материалы XXV съезда КПСС, стр. 80.

נאַיל ביקענין

אידייִש־מאָראַלישע פּראָבלעמען
פונעם סאָציאַליסטישן לעבנס־אויפן
(פובליציסטישע ארטיקלען)

מ. „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״ 1980, 64 זייַטן
קינסטלערישע און טעכנישע רעדאַקטור —
ס. טשערניאַק, יע. קאַפּלאַן
קאָרעקטאָר — ב. גערשמאַן

Наиль Биккенин

ИДЕЙНО-МОРАЛЬНЫЕ ПРОБЛЕМЫ
СОЦИАЛИСТИЧЕСКОГО ОБРАЗА ЖИЗНИ

(публицистические статьи)

М., «Советский писатель», 1981, 64 стр.
Под общей редакцией А. Вергелиса
Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан
Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 27.11.80. Подписано к печати 19.01.81.
Формат 70×108 1/32. Бумага типографская № 1.
Условн. печ. л. 2,8. Заказ № 2730.

Редакция журнала «Советиш геймланд»
101000, Центр, ул. Кирова, 17.
Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва 121019, пер. Аксакова, 13.

Supplement to "Sovietish Heimland" No 2, 1981

© Журнал «Советиш геймланд», 1981